START

CONTROL TEST TARGET
for Kodak Quality Monitoring



Aa Bb Cc Dd Ee Ff Gg Hh Ii Jj Kk Ll Mm Nn Oo Pp Qq Rr Ss Tt Uu Vv Ww Xx Yy Zz

Aa Bb Cc Dd Ee Ff Gg Hh Ii Jj Kk Ll Mm Nn Oo Pp Qq Rr Ss Tt Uu Vv Ww

Note: This target is intended for routine quality control checking and uniformity.
It is not to be used for certification of meeting any ANSI or ISO Standards for image quality requirements.
Note: To record background density, use a blank sheet of white paper.

Document Imaging
EASTMAN KODAK COMPANY
Rochester, New York 14650
1-800-232-8811

DOCUMENT IMAGING

Kodak

A-2289 CAT 800 7403 Rev. 2/00 @ Eastman Kodak Company, 2000 Printed in U.S.A.

Microfilmed 2005
By the
Center for Jewish History

For
YIVO Institute
For Jewish Research

NEW YORK, NY

Reproduction may not be made
without permission.

YIDDISH DRAMA

PRESERVATION

PROJECT

YIVO
LIBRARY
REEL
Y-2005-1896.6

Smolar, Hersh
A posheter zelner :
drame in 3 akten (zeks
stsenes).
Varshe, 1952.

BIBLIOGRAPHIC RECORD TARGET

YIVO INSTITUTE FOR JEWISH RESEARCH

Master negative Storage Number Y-2005-1896.6

Smolar, Hersh, 1905-
A posheter zelner : drame in 3 akten (zeks stsenes).
Varshe : Farlag "Yidish bukh", 1952.
Varying form of title: Prosty zonierz
112 p. ; 21 cm.

1. Yiddish drama.--lcsh
I. Poland-Warsaw

ID : NXYH01-B22135 CC: 9114 DCF: [HBR]
CALL #: /29696

Reduction ratio X 10.0

ה. סמאָליאַר

אַ פּשוטער זעלנער

פאַרלאַג „יידיש בוך“

01-B22135

הערש סמאָליאר

א פשוטער זעלנער

דראַמע אין 3 אַקטן

(זעקס סצענעס)

פאַרלאַג „יידיש בוך" ווארשע 1952

2/29696

2/29696

...באַטווין באַטווין אויף דיין קבר
שטעלן וועלן מיר א מאָנומענט,
און אויף אים וועט שטיין געשריבן:
„באַטווין, באַטווין — דער יונגער העלד".

(פון א פאָלקס-ליד).

G. SMOLAR

PROSTY ŻOŁNIERZ

Dramat w 3 aktach (6 scenach)

Redaktor: B. HELLER

Okładkę projektował: I REJZMAN

Printed in Poland

Wydawnictwo „Idisz Buch" Warszawa 1952 r.

Nr. 23 Ark. druk. 7,12 Ark. wydawn. 6 Druk ukończono w kwietniu 1952 r.
Papier dziełowy V kl. 70 g 61x86 cm.

Druk. „Nowe Życie" Warszawa ul Tarczyńska 8 5-B-50322

פערזאָנען

לאה — 55 יאָר אַלט.

שרה — איר עלטערע טאָכטער, 28 יאָר אַלט.

עטקע — איר ייִנגערע טאָכטער, 20 יאָר אַלט.

נפתלי — איר זון, אין ערשטן אַקט — 16 יאָר, אין די ווייטערדיקע 19 יאָר אַלט.

רחמיאל — אַ קאָמאַשנשטעפּער, שרה'ס חתן, 30 יאָר אַלט.

זדזשאַראַק — סעקרעטאַר פון שטאָט-קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, 35 יאָר אַלט.

פּיאָטר — אַ מעטאַל-אַרבעטער, מיטגליד פון שטאָט-קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, 50 יאָר אַלט.

פּעליע — אַ סטודענטין, מיטגליד פון שטאָט-קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, 21 יאָר אַלט.

משערמאַק — אַ קאָמאַשנשטעפּער, 30 יאָר אַלט.

ברייטער — אַ קאָמאַשנשטעפּער, 25 יאָר אַלט.

דער קרומער שמיל — אַ קאָמאַשנשטעפּער, 40 יאָר אַלט.

קאַץ — אַ קאָמאַשנשטעפּער, 35 יאָר אַלט.

מאָניש — סעקרעטאַר פון לעדער-פֿאַריין, 45 יאָר אַלט.

פריד — „פראַנץ-יאָזעף" — איינגעטימער פון וואַרשטאַט, 55 יאָר אַלט.

דער הויף-זינגער — אַן עלטערער ייִד.

זאַרעמבאַ — עלטערער קאָנפידענט, 40 יאָר אַלט.

מוליק — קאַנדידענט, 26 יאָר אַלט.

מאַליאַווסקי — קאַנדידענט, 30 יאָר אַלט.

אַ שכנטע

ערשטער, צווייטער צייטונגס־פאַרקויפער.

צוויי יינגעלעך און אַ מיידעלע.

ערשטער, צווייטער, דריטער פּויער.

עקזעקוטאָר.

צוויי פּאָליציאַנטן.

עלטערער ייד.

מיטעליעריקער ייד.

פרוי אויפן בריקל.

יונגע פרוי.

מיידל.

יידישע אַרבעטער.

פּוילישע אַרבעטער.

אוקראַינישע אַרבעטער.

פרויען.

מענער.

פּתם דורכגייער.

צייט — נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה.

אָרט — אַ גרויסע שטאָט אין פּוילן.

צווישן דער צווייטער און דריטער סצענע גייען דורך 4 וואָכן.

צווישן ערשטן און די איבעריקע אַקטן גייען דורך דריי יאָר.

ע ר ש ט ע ר   א ק ט

1־טע סצענע

אויפן האַלב־טונקעלן הינטערגרונט פונם פאַרהאַנג באַווייזט זיך רעכטס פון דער בינע דער הויף־זינגער. אַן עלטערער ייד מיט אַן אונטערגעשוירן גרוי בערדל, דעם רעכטן פוס אויף אַ קוליע, פאַרייסט אַלע מאָל די אויגן אין דער הויך.

דער הויף־זינגער (זינגט):

אוי, נישט פאַר מיר, נישט פאַר מיין געבייך
עס קומט די זון אויף און די שטערן.
פאַר מיר איז ס'לעבן בלויז איין גרויס געוויין,
פאַר מיר איז דאָ אַלץ פאַרלוירן.

אַ היים געהאַט מיט קינדער פיל.
— ווו זייט איר טייבעלעך פאַרפלויגן?
פאַרגנבעט האָט אַהער זיך אין דער שטיל
(שרייט אויס) די שלאַנג! (זינגט) זי טוט דאָס בלוט פון אונדז אויסזויגן

(קוקט זיך אַרום אויף רעכטס, אויף לינקס, פאַרייסט די אויגן, שרייט אויס): וואַרפט עפּעס אַראָפּ אַ יידן אַ קאַליקע. גיט מיר, כ'בעט אייך, אויף אַ שטיקל ברויט.

עס עפנט זיך פאַמעלעך דער פאָרהאַנג. ס'פאַרשווינדט דאָס ליכט, וואָס האָט באַלויכטן דעם הויף־זינגער.

אַ בוידעם־שטיבל. דורכן אָפענעם פענצטער, רעכטס פון דער בינע, זעט זיך אַ שטיקל דאַך.

אינם צימער — אלט, אָפּגעניצט מעבל: אַ נישט צוגעבעט געלעגער, אַ צעראַטענע, האַלב־אויסגעריבענע קאַנאַפּע, און איינגע־הויקערט שענקל. צוקאָפּנס פון דער קאַנאַפּע — אַ ניי־מאַשין, פאַרוואָרפן מיט נישט־פאַרענדיקטע קליידלעך, וועש. אויף דער לינ־קער וואַנט — אַ שפּיגל. אויף דער פראָנט־וואַנט — אַ טירל צום בוידעם, פאַרהאָנגען מיט אַ גרויער קאָלדרע. אין דער טיף — אַ פּליטע מיט אָנגעוואָרפענעם קיך־געשיר. אויפן נאַקעטן טיש — אַ יאָרצייט־ליכט אין אַ גלאָז.

אויף אַ פיסבענקעלע זיצט לאה, מורמלט עפּעס, ווי זי וואָלט אַ תּפילה געזאָגט. דאָס פּנים איז ביי איר פאַרשטאַרט, צעקנייטשט. די אויגן רויט־אָנגעשוואָלן. קליין, איינגעדאַרט, איינגעבויגן. קוקט אויף קיינעם נישט.

ביי דער ניי־מאַשין זיצט שרה. דעם קאָפּ האַלט זי איינגעגראָבן אין די הענט. אומבאַוועגלעך, ווי זי וואָלט געדרימלט.

ביים פענצטער שטייט עטקע. קוקט זיך אום פון מאָל צו מאָל איבערן צימער, שטעקט אַרויס דעם קאָפּ דורכן פענצטער. צוקט מיט די אַקסלען, ווי ס'וואָלט איר אַדורך אַ קעלט איבערן לייב. הערט זיך איין צום מאָנאָטאָן־וויינענדיקן געזאַנג פונם הויף־זינגער, וואָס דערגייט אַהער פונם הויף.

הויף־זינגער (זינגט):

פון אייך איך בעט אַ שטיקל ברויט,
איר זאָלט מיך, ברידער, נישט פאַרשעמען.
פאַר פּיין און צרות און גרויס נויט —
איר זאָלט נאָר, ברידער, פאַר אַלץ אָפּנעמען.

עטקע:

(בעת דער לעצטער סטראָפע פון דעם הויף־זינגערס ליד מאַכט זי כּעסדיק צו דאָס פענצטערל. דאָס געזאַנג ווערט פאַרטויבט. עס רייסט זיך דורך דער אויסגעשריי פון הויף: „וואַרפט עפּעס אַראָפּ"... עטקע גייט איבערן צימער, בלייבט אינמיטן שטיין, רעדט צו זיך): פּונקט צום האַרצן...

(נעמט אַ שטיקל ברויט, וואַרפט עס אַראָפּ. גייט צו צום שפּיגל, בלייבט אַ פאַרשטאַרטע שטיין, קוקט ערגעץ איבער אים).

לאה:

(הייבט שווער אויף איר בליק, שטעלט אים שאַרף אָן אויף עטקען) פאַרשעם אים נישט... איך בעט דיך...

שרה:

(כאַפּט זיך אַ דערשראָקענע פון דער מאַשין. פינטלט מיט די צו־געזשמורעטע אויגן) וואָס רעדסטו, מאַמע? וועמען מיינסטו? רחמיאלן?

לאה:

(קוקט נישט אין שרהס זייט, רעדט העכער, פאַרביסן). דעם מאַן מיין איך, דעם מאַן! (צו עטקען) הערסט? פאַרוואָס פאַרדעקסטו נישט דעם שפּיגל?!

שרה:

(הייבט זיך האַסטיק אויף פונם בענקל, רוקט ברוגזדיק אָפּ עטקען פונם שפּיגל און פאַרדעקט אים מיט אַ טונקעלן קאָפּ־טוך) נאָך דאָס האָט געפעלט. איינער דעם אַנדערן יאָרען! (שנורעוועט אָפּ די שיך, טוט זיי אויס, קערט איבער די טאַבורעטקע, לאָזט זיך אַראָפּ אויף איר).

עטקע:

וואָס האָסטו געמיינט? דאָס גאַנצע יאָדעניש האָט דער טאַטע מיט זיך מיטגענומען? ס'עט נאָך פאַר אונדז אויך סטייען... (קוקט אויף לאהן. גייט צוריק צום פענצטער, עפנט אים, בייגט זיך אַרויס און מאַכט אים האַלב צו. שוידערט אויף) שרה, אפשר איינהייצן די פּליטע? עס טרייסלט אַ צאָן אין אַ צאָן (קוקט זיך אַרום, ווי זי וואָלט עפּעס געזוכט אָנצוטאָן אויף זיך. שטעלט אָן איר בליק אויף דעם טיכל, וואָס פאַרדעקט דעם שפּיגל) אין אַזאַ כעץ... אין אַזאַ נאַסער ערד... (גייט איבערן צימער. עס דערהערן זיך אייליקע טריט אויף די טרעפּ. רעדט גלייכגילטיק) מ'קאָן מיינען — כ'ווייס וואָס פאַר אַ נייעס ער ברענגט...

לאה:

(פאַרקוקט אין אַן אומבאַשטימטן פּונקט, שאָקלט הין און צוריק מיטן קאָפּ) טראָג אַרויס נפתלין אַ קווערטל וואַסער.

שרה:

(הייבט זיך אויף, שעפּט אָן א מעשן קווערטל וואסער, גייט צו דער טיר).

סיקומט אריין נפתלי. א קליינגעוויקסיק, בלאס יינגל פון א יאָר 16. אָרעם אָנגעטאָן, די שיך פארבלאָטיקט, די הויזן פארקאטשעט — א דורכגעווייקטער פון רעגן, און איינגעהויקערטער פון קעלט. ער נעמט ביי שרהן דאָס קווערטל, גייט ארויס, קומט גלייך צוריק, ווישט די הענט אין די הויזן.

נפתלי:

(איינטאָניק) ער ווארט דאָרט אונטן... דער ייד... פון דער חברה־קדישא... ער מאָנט זיך...

עטקע:

(בייז) ביים מלאך־המות זאָל ער מאָנען (פויזע) אָדער ביים ישיר נעם ייד (מיט גאל) ביים רב, ביי רב גוטמאנען. (מיט טרערן, אויפגערעגט) ער האָט דאָך מיך אפילו אויסהערן נישט געוואָלט... מ'קאָן אים טראָגן, זאָגט ער, אין א מיטה. די עגלה, זאָגט ער, איז נישט פאר אייך...

נפתלי:

(איינטאָניק) מאמע, דער ייד שווערט זיך, אז עס קומט אים... דו האָסט דאָך אים צוגעזאָגט. ער לעבט דאָך דערפון...

לאה:

(קוקט טרויעריק אויף שרהן, וועלכע כאפּט אויף מיט א צאפּל דער מאמעס בליק אויף זיך) וואָס שטייסטו?

שרה:

(שטייט אויף אַ פּאַרצווייפלטע, מאַכט מיט די הענט, ווי זיך צום שיצן. בלייבט רעזיגנירט) וואָס איז מיר שוין געבליבן? ס'וועט דאָך שוין באלד אויף קיין ברויט נישט סטייען.

לאה:

(שטייט אויף פון איר בענקעלע)

שרה:

(א דערשראָקענע, קוקט אויף דער מאמען) וואָס גייסטו טאָן, מאמע?

לאה:

(קוקט נישט אין שרהס זייט, גייט צו צו דער פראָנט־וואנט, דעקט אָפּ די קאָלדרע און קריכט דורך אין בוידעם־טירל. שרה, עטקע, נפתלי, באגלייטן איר מיט אָנגעשטרענגטע בליקן. לאה קומט צוריק, האַלט אַ צוזויפגעדרייט מלבוש, צו נפתלין) גיי, טראָג עס אים אראָפּ, חעם טאטנס קאפּאָטע.

(נפתלי קוקט דורכדרינגלעך אויף לאהן, אויף די שוועסטער. ער נעמט אומאנטשלאָסן די קאפּאָטע. גייט צו דער טיר).

עס הערן זיך טריט אויף די טרעפּ. נפתלי פארהאלט זיך. עס קומט שטיל אריין רחמיאל. דאָס בלאסע פּנים נישט ראזירט. אויף דער מארינארקע און די הויזן — ווייסע, איינגעטריקנטע פלעקן פון קליי. ער באגעגנט זיך מיט נפתלין ביי דער טיר. מעסט אים אָפּ מיטן בליק, אראָפּלאָזנדיק בעת־מעשה דעם אויפגעשטעלטן קאָלנער פון דער מארינארקע. באטראכט אלע ארום. נעמט ביי נפתלין צו די קאפּאָטע.

רחמיאל:

ס'עט צוניץ קומען. (גיט איבער שרהן דעם מלבוש) וואָס איילט איר זיך אזוי מיטן צעטיילן די ירושה? (ווייזט אויף נפתלין) ווי לאנג נאָך וועט ער טראָגן די צעלעכערטע כאנעוועקעס? ער פאלט דאָך שוין ארויס פון זיי (איראָניש־ווייך) דער פרנסה־געבער.

נפתלי:

(קוקט מיט איין אויג כעסדיק אויף רחמיאלן, רעדט ווי צו זיך) דער ייד... אונטן... (אויפגערעגט, צו שרהן) איך פארשטיי נישט — ער לעבט דאָך דערפון!

רחמיאל:

וו'הייסט ווי דען? ער לעבט דאָך דערפון, וואָס אנדערע שטארבן (קוקט אָן מיטפילנדיק נפתלין, נעמט זיך צו דער בוזעם־קעשענע, שלעפּט ארויס א פעקל באנקנאָטן, נעמט זיך צו א צווייטער קעשענע — נעמט פון דאָרט אויך ארויס א הויפן צעקנייטשטע פאפירלעך, ציילט, צו עטקען) גיי, עטקע, טראָג עס אים אראָפּ. (דערלאנגט איר די באנקנאָטן) צערעכן זיך.

עטקע כאַפּט אויף זיך אַן אַלטן אָפּגעטראָגענעם מאַנטל, גייט אַראָפּ. נפתּלי קוקט ווי פריער, מיט איין אויג, אויף רחמיאלן, ציט אַראָפּ די שיך. דרייט אויס איבערן עמער די אָניטשעס.

רחמיאל:

(גייט צו צו שׂרהן, זעצט זיך לעבן איר, רעדט ווייך, מיטפילנדיק) כ׳האָב נישט געקאָנט, שׂרהלע, באַ אין אופן נישט געקאָנט קומען צו דער לוויה.

שׂרה:

(מיט וואָרעמקייט אין בליק) וואָס עפּעס אַזוי פרי פון דער אַרבעט?

(עטקע קומט אָן, טוליעט זיך שטאַרקער אין דעם מאַנטל, קוקט אין שׂרהס זייט) וואָס עפּעס רחמיאלקע? ביזט היינט נישט געגאַנגען טאָן?

עטקע און נפתּלי הערן זיך נייגעריק צו. לאַה, ווי פריער, שאָקלט מיטן קאָפּ הין און צוריק.

רחמיאל:

(מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, ווישט זיך דעם שטערן) שוין נאָך דער אַרבעט...

שׂרה:

וואָס עפּעס? אין סאַמע סעזאָן, פאַר סוכּות? ניין, טאַקע...

רחמיאל:

(רעדט, נישט קוקנדיק אויף קיינעם) אַ האַלבן טאָג געפּטערט אויף דעם שטיק בראָך, אויף מאַנישן. איך רעד צו אים, טענה אין אים אַריין, אַז ס׳איז שוין איבערן האַלדז. (הייבט אויף דעם קאָפּ, צו שׂרהן — אויפגערעגט) מ׳עט דאָך שוין באַלד דאַרפן גייען אַ מאַר־בע צו טראָגן אין קלייט די מיליאָנען מאַרקן פאַר אַ ביסל קאַשע.

עטקע:

אַוודאי, אָבער וואָס האָט דאָ מאַניש צו זאָגן! ביי אים איז דען דאָס מיניסטערסטווע?

רחמיאל:

(ווי נישט הערנדיק זי) דער פראַנצויזעף אַזוי־ער קריכט שוין אויף די גלייכע ווענט. איצט, איר הערט — דווקא איצט וויל ער צאָלן

פון שטיק און דאָס איין פרייז — פיר הונדערט טויזנט פון פאַר כאַליעוועקעס. איי מאָרגן (כאַפּט זיך) וואָס מאָרגן? אפשר נאָך היינט אין אָוונט וועט מען פאַר די פיר מאָל הונדערט טויזנט סמאַרקעס נישט קריגן קיין פּעקל זאַפּלקעס! (בארויקטער) אָט אין דעם טאַקע גייט דאָך עס אים, דעם מייסטער אונדזערן.

נפתּלי:

וואָס הייסט? און ער אַליין פאַרשטייט דען נישט? אָט נעם מיך — היינט קאָסט ביי מיר אַ בלאַט טייערער ווי נעכטן. ווער פאַרשטייט עס דען נישט? עס קאָן דען אַנדערש זיין?

רחמיאל:

(קוקט נישט אויף נפתּלין, רעדט צו שׂרהן) טענה איך צו אים, צום סעקרעטאַר, צו מאַנישן: ווי לאַנג נאָך וועלן מיר אַזוי צייען? ס׳וועט נעמען אַמאָל אַן עק, צי נישט? (סאַרקאַסטיש) ער האָט צייט (מאַכט נאָך אָפּשפּאָטנדיק) ער פירט זיך פאַמעלעך מיט דער גראָבער צונג איבער זיינע פעטע ליפּעס, ציקלט אויס דעם אונטער־שריפט איבער די פאַריינס־ביכלעך און רעדט זיך אַזוי געלאַסן, געלאַסן. אים איז, קענטיק, אַ שאָד מיט אַ מאָל, וויל ער ביסלעכ־ווייז אָפּנעמען ביי אונדז די נשמה (לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ).

עטקע:

אויף דעם איז ער אַ מייסטער — איינער אין דער וועלט! דערפאַר קריגט ער דאָך פּענסיע.

שׂרה:

וואָס קאָן דיר שוין מאַניש זאָגן? חו ביזט דען נישט גערעכט?

רחמיאל:

וואָס ער קאָן זאָגן? איין פּסוק האָט ער (מאַכט נאָך) „נאַר אָן אַנאַרכיע! מ׳דאַרף קודם אַלע וואַרשטאַטן אָרגאַניזירן ביי מיר אין פאַריין, מ׳דאַרף אַ רעד טאָן מיט די באַלעבאַטים" — אָט דאָס איז זיין רייד־עכץ און דאָס איז זיין טועכץ (אויפגערעגט) אַ בראָך זאָל עס נעמען מיט אַזאַ טאָן!

שׂרה:

(פאַרדאַגהט) טאַ וואָס־זשע, רחמיאלקע, קאָן מען טאַקע טאָן?

רחמיאל:

מ׳האָט שוין געטאָן...

אלע קוקן אים שארף אָן. לאה הייבט אויך אויף אירע שווערע אויגן־לעפלעך אויף רחמיאלן.

רחמיאל:

(הארט, אנטשלאָסן) מיר גייען נישט צו הער ארבעט. מיר שטרייקן!

נפתלי:

(מיט פארוואונדערונג אין די אויגן) שטרייקן? און אויף פרנסה ווו וועט איר נעמען?

שרה:

עט עס דען העלפן, רחמיאלקע? אז אויף יעדעס שטיקל ארבעט זיינען פאראן צען בעלנים.

רחמיאל:

(מיט א געהעכערטער שטימע) הונדערט בעלנים! טויזנט בעלנים! איז וואָס? וועט מען אונדז גיין אין וועג אריין? (מאכט א דראָענ־דיקע באוועגונג מיטן פויסט) זאָל עמעצער פרווון...

נפתלי:

(צו שרהן) וואָס הייסט פרווון? ווער וויל עס נישט פארדינען? לאָמיך איין טאָג נישט קומען אָפּנעמען די בלעטער — זייען באלד דאָ צוואַנציק אויף מיין אָרט. חדר־ייִנגלעך, פיצלעך — שטייען אָפּ גאַנצענע טעג און ווארטן נאָר אויף א געלעגנהייט. איז וואָס וואָלט איך געקאָנט דאָ אויפטאָן? כאָטש נעם און גיי זיך ווארעמען ביים אויוון אין בית־מדרש?

לאה:

(פאראומערט, מאָנאָטאָן) וואָלסט אריין צו די שכנים, גערופן א מנין, קדיש געזאָגט...

שרה:

(צו רחמיאלן) וואָס קאָן מען טאקע אויפטאָן? אז מאָניש וויל נישט, איז דאָך א סימן, אז אלע זיינע לייט ווילן אויך נישט.

רחמיאל:

וואָס אַי, זיי זיינען מיליאָנערן? ווי מיינסטו, שרה, זיי צאָלט דער באלעבאָס מיט דאָלארן? (פויזע, רעדט איינגעהאלטענער) אוודאי, אז מאָניש זאָגט — ניין! באָמקען אלע זיינע בונדיסטן צו (פויזע)

היינט אינדערפרי — מעגסט עס הערן, עטקע, — ווען מיר האָבן זיך צונויפגערעדט, אז קיינער גייט נישט טאָן, האָט דער קרומער שמיל גענומען דרשנען: „ס'איז נישט דאָס, ס'איז אנארכיע, ס'איז דיקטאטור". נו, האָט אים אונדזער עולם אריינגעזאָגט, ווי ס'קער צו זיין — באשר, ער דאוונט פון א פרעמד סידורל, ער [illegible]לוקערצט אָפּ מיט מאָנישן. איז ווי מיינט איר? (ווינקט פריילעך מי[illegible]ן אויג) וואָס דען — א נעכטיקער איז ער?! ער ווייסט דען נישט [illegible] טייער עס איז א פונט חמיץ?! (חזרט איבער די דראָענדיקע באוועגונג)

נפתלי:

(רוקט זיך אָפּ, צו שרהן) כ'האָב שוין געזען, וואָס מ'קאָן דערמיט אויפטאָן. איך פארלייד עס נישט. ס'נישטאָ דער טאָג, אז ביי אונדז אויפן מידאן זאָל איינער דעם אנדערן נישט אויסטערהאקן די זייטן, די אויגן. איך לייד עס נישט.

רחמיאל:

א צער־בעל־היימניק ביזטו, וואָס?

נפתלי:

איך פארלייד עס נישט און נאָר. כ'פארשטיי נאָך צווישן קליינוואַרג, לאָבוזעס — אָבער גרויסע זאָלן זיך שלאָגן? און אלץ איינעניע דוכט זיך, יידן?

רחמיאל:

(קוקט שטרענג אָן נפתלין) אז און איינעניער פארדינט קלעפּ — הערט ער אויף צו זיין אן איינעניער, פארשטייסט, צי ניין?

נפתלי:

(איראָניש) נישט קיין איינעניער? איז ווער־זשע איז ער דעמלט — א גוי?

רחמיאל:

(שאָקלט באדויערנדיק מיטן קאָפּ, קוקט אָן נפתלין, וועלכער דרייט אָפּ זיין בליק)

לאה:

זעט נאָר, זעט — אזוי ווי קיינמאָל נאָרנישט (הייבט זיך אויף, גייט צו צו דער פליטע, בלייבט שטיין) לאָז אים אָפּ, רחמיאל, כ'בעט דיך. א יתום איז ער, א יתום! וואָס פארהאקסטו אים דעם קאָפּ

מיט דיינע מעשיות (צו נפתלין) נפתלסע, קדיש דאַרף מען זאָגן... (האַקט פלוצעם איבער, ווי דערשראָקן) שאַ נאַר!

עס הערן זיך שנעלע טריט אויף די טרעפ, עס פאַלט אַריין האַסטיק די שכנטע, אַן אָרעם־געקליידעטע יידענע מיט אַ קאָפּ צע־פּאַטלטע האָר.

שכנטע:

(הייבט אָן מיט אַ קוויטש, לאָזט באַלד אַראָפּ פון טאָן, ווי ס׳וואָלט איר אויסגעפּעלט אָטעם) די באַנרעבערס זיינען דאָ...

אלגעמיינע דערשטוינונג

עטקע:

(בייז, גאַליק) זעסט, ווען זיי האָבן זיך דער־מאָנט? דעם צדיק אין צילינדער, רב גוטמאַנען האָט עס, ווייזט אויס, אַ סקראָבע געטאָן. איצט, ווען דער טאַטע ליגט שוין אין דר׳ערד — איצט שיקט ער די באַגרעבערס. אפשר נאָך מיט דער עגלה הערצו? (צו דער שכנטע מיט כעס) זאָלן זיי זיך אויסקערעווען, (ווייזט מיטן פינגער דורכן פענצטער) נאָך אים זאָלן זיי פאָרן...

שכנטע:

(שטייט די גאַנצע צייט מיט פאַרחידושטע, ברייט צעעפנטע מויל און אויגן. פון הויף הערן זיך אויסגעשרייען, אַ לויפעניש) וואָס רעדט איר וואָס, מענטשן?! נישט די באַגרעבערס. די עקדזעקוטאָרן זיינען דאָ! זיי גייען פון שטוב צו שטוב. געוואַלד, סעקווע־סטרידן! וואָס טוט מען? וואָס שטייט איר, יידן?

(די שכנטע לאָזט זיך צוריק צום טיר. אַלע כאַפּן זיך פון די ער־טער. ס׳ווערט אַ לויפעניש, רחמיאל בייגט זיך אַרויס פון פענצטער. נפתלי כאַפּט אויף זיך דעם טאַטנס קאַפּאָטע)

שרה:

(בלאַס, דערשראָקן) מאַמע, די מאַשין...

לאה:

(שלעפּט טעפּלעך, שטעלט זיי אויפן טיש, כאַפּט דעם בעזים, בלייבט שטיין אַ צעטומלטע) די ניי־מאַשין, אַ ווייטיק איז מיר!

רחמיאל:

(שלעפּט אַראָפּ דאָס קעפּל פון דער ניי־מאַשין, קוקט זיך אַרום, פּאַקט עס אַריין אין בעט) נפתלקע — הײדאַ, כאַפּ זיך גיך אַריין אין בעט. ביזט קראַנק... פאַרשטייסט?!

נפתלי:

(דערשראָקן. באַלד ענדערט זיך דער אויסדרוק אויף זיין פּנים, שטיל — פאַרעקשנט) ניי, ניי, כ׳על מיך נישט לייגן...

שרה:

(פאַלט אָן אויף אים) מ׳רעדט דאָך צו דיר עפּעס! (פאַרצווייפלט) מאַמע, זע נאַר...

נפתלי:

(נאָך מער פאַרביסן) כ׳על מיך נישט לייגן און אַ סוף!

עטקע:

(בייגט זיך אַרויס דורכן פענצטער, שרייט אַריין אין צימערל) זיי זיינען דאָ... זיי זיינען אונטן! (טאַנצט אָפּ פון פענצטער, לאָזט זיך צו דער טיר, ווי וועלנדיק זי פאַרשטעלן)

לאה:

(הייבט אָן אַראָפּשלעפּן פון זיך דעם שפּענצער) אַ ווייטיק איז אונדז... אַלעמען... ס׳איז נאָר מקנא צו זיין... דעם טאַטן... (קריכט און בעט אַריין, עס טרייסלט זי אַ צאָן אין אַ צאָן) יתומים זיינען מיר, קליי־נעכדיקע יתומים... נישטאָ ווער עס זאָל זיך אָננעמען...

רחמיאל:

קלאָגט נישט, לאה! לייגט זיך און ליגט...

(עס הערן זיך שווערע, פּאַמעלעכע טריט. סקומט אַריין דער עקזעקוטאָר אָנגעטאָן אין אַן אוניפאָרם)

עקזעקוטאָר:

(כאַפּט אַ בליק פול מיט פאַרדאַכט אויף אַלע אַרום. לייענט אַרויס פון אַ פּאַפּיר, באַשטעטיקנדיק) דאָ וווינט לייביש באַטווין...

רחמיאל:

(אייליק) ניין, פּאַניע, נישט דאָ... אויפן בית־עולם.

עקזעקוטאָר:

(שלעפט ארויס א בלייפעדער מיט פאפיר, צו רחמיאלן) אייער נאָמען? פאמיליע? חכמענען ווילט זיך אייך?! אויף אן אנדער אָרט! (מאכט א דראָענדיקן זשעסט) מ'פרעגט אייך — ענטפערט!

רחמיאל:

נו יאָ, ווי דען... מ'ענטפערט דאָך. ער איז געשטאָרבן (ווייזט אויף דעם יאָרצייט ליכט) היינט פרישט באַגראָבן...

עקזעקוטאָר:

(ציניש) מ'קען זיך אויף די שטיק (קוקט אָן לאהן) און איר, וואָס? קראנק, אַ? אויף טיפוס מסתמא?

לאה:

(קרעכצט) קראנק, פאניע לעבן, זייער קראנק.

עקזעקוטאָר:

(וואַרפט א שטרענגן בליק אויף אלעמען, לייענט פון פאפיר, פריער מורמלענדיק, דערנאָך העכער) „...האָט דאָס געריכט באַשלאָסן — פאר נישט צאָלן קיין לאָקאַל־שטייער (מעסט אָפּ מיטן אויג פון פא־פיר ארויס דאָס צימער) אין משך פון 18 חדשים, איז ביי לייביש באַטווין אָפּגעשריבן געוואָרן איין ניי־מאשין פירמע „זינגער“ אין דעם ווערט פון 24 מיליאָן מארק; א גענוצטע העמבענע שאפע, אין דעם ווערט פון 7 מיליאָן מארק; א צעראַטענע קאנאפע — 3 מי־ליאָן מארק, א סאָסנאָווער טיש(נישטערט מיטן בליק איבערן צימער, ווי ער וואָלט נאָך עפּעס געזוכט) צוזאמען אין דעם ווערט פון 38 מיליאָן 450 טויזנט מארק...

(סיקומען אריין שכנים — מענער, פרויען, מיט אָנגעשטרענג־טע, דערשראָקענע אויגן פאָרשן זיי נאָך יעדע באוועגונג פונם עק־זעקוטאָר. צווישן די געקומענע טיילט זיך באזונדער אויס דער גרויער קאָפּ פון פ י אָ ט ר. ער איז אָנגעטאָן אין שווארצע פארפעצטע אר־בעטס־מלבושים, האלט דאָס היטל אין איין האנט, מיט דער צווייטער ווישט ער אָפּ זיינע גרויע וואָנצעס).

עקזעקוטאָר:

(באמערקט נישט די אריינגעקומענע, וואַרפט דורך מיט די אויגן דאָס פאפיר,כאפט זיך, לייענט ווייטער) ...דער אורטייל גייט אריין אין קראפט און אלע איבערדערמאנטע שטיבזאכן ווערן קאנפיסקירט

לטובת דעם מלוכה־אוצר" (באטראכט אלעמען. זיין בליק בלייבט פארחידושט שטיין אויף פיאָטרס רואיק געזיכט).

פיאָטר:

(רוקט זיך פאָרזיכטיק, נישט פארטשעפענדיק קיינעם, נעענטער צום עקזעקוטאָר. רעדט שטיל, געלאסן) יעס לוינט זיך דען? (ווייזט מיט ביטול אויף די זאכן ארום)

אלעמענס בליקן ווענדן זיך דערשטוינטע אויף פיאָטרן. רחמיאל דערנענטערט זיך צו אים מיט אן אויסדרוק פון אנטציקטקייט אין זיינע אויגן. נפתלי גייט נאָך רחמיאלן, דריקט זיך צו צו אים

עקזעקוטאָר:

(פינטלט מיט די אויגן, פון וועלכע עס קוקט אַרויס רציחה) וואָס הייסט צי ס'לוינט זיך! ווער זייט איר יעס, ווער? ווי קומט איר, א פאָליאק, אָט אָ דאָ? (ווייזט פאראכטנדיק אויף אלץ ארום)

פיאָטר:

(קאלטבלוטיק, מיט געמאכטער געמיטלעכקייט) א שכן, פאניע, א שכן. אָט דאָ, אונטן, אלע יאָרן וווינען מיר דאָ.

עקזעקוטאָר:

(באפעלעריש) וואָס פארלאנגט איר איינגמלעך? איר ווייסט צו וועמען איר רעדט?

פיאָטר:

(ענערגיש) א מענטש זייט איר, פאניע, צי נישט? וואָס וועט איר פון זיי נעמען? אָרעמע לייט, וואָס האָבן זיי? צרות...

נפתלי רוקט זיך נעענטער צו צו פיאָטרן. קוקט אויף אים מיט פארחידושטע, ווארעמע אויגן.

פיאָטר:

ווער דארף עס האָבן זייערע לאכעס? ס'איז דאָ גענוג ביי וועמען צו נעמען. א שטייגער פראנטשישעק אירזשיק — ער האָט א פאב־ריק, אַ, זעט איר... יונה שפרעכער — א גאַס מיט קאמעניצעס, די גרעסטע אין שטאָט...

עקזעקוטאָר:

(מיט אן אָפּגעהאקטן אָטעם, דיכעט אויס) אזוי נאָר? (לאָזט זיך צום טיר, קערט זיך אום, שרייט) דאָ איז נישט באָלשעוויע! כ'בין

א מלוכה־באַאַמטער, פאַרשטאַנען? און איר ווילט מיר שטערן אין מיין דינסט! איר ווייסט מיט וואָס עס שמעקט?! (פּראַלט אויף די טיר, שרייט אַראָפּ.) טרעגערס — אַרויף! נעמט די מאַשין, די שאַפע...

פּיאַטר:

(רוקט זיך ענערגיש אַרויס פון פאָרנט, פאַרלייגט א האַנט אויף א האַנט) מען נעמט נישט, פּאַנאָווייע!

נפתלי:

דריקט זיך צו צו פּיאָטרן, עסט זיך איין אין אים מיט צעשטראַלטע אויגן

פ אָ ר ה א נ ג

2־טע סצענע

פאַרן פאָרהאַנג באַווייזט זיך דער הויף־זינגער. שפּילט און זינגט פריער שטיל, נאָכדעם העכער.

הויף־זינגער:

מען נעמט פון אונדז דאָס לעצטע קלייד,
דעם לעצטן ביסן ביי יתומים.
א נאַכט א פינצטערע ס'זיך אויסגעשפּרייט,
און דריקט, און שטיקט, און שווינט אונדזר קיינעם.

אוי, נעמט־זשע ברידער זיך צונויף
און צו דעם ליכט שטרעקט אויס די אויגן.
די פּלייצעס גלייכט אויס און דעם קאָפּ־אַרויף
פאַר קיינעם זאָלט איר זיך נישט בויגן.

נאָך דער לעצטער סטראָפע גייט ער פאַמעלעך דורך, פון רעכטס אויף לינקס פון דער ראַמפע. פאַרשווינדט. פון דער ווייטנס הערט זיך דער אָפּקלאַנג פון דעם ניגון.

ד ע ר פ אָ ר ה א נ ג ה י י ב ט ז י ך פ א מ ע ל ע ך א ו י ף.

א קליינער פּלאַץ מיט דריי אויסגענג אין שכנותדיקע געסלעך. אין מיטן פּלאַץ — אַן עלעקטרישע לאַמטערנע, צו וועלכער עס ציען זיך דראָטן פון די אַרומיקע הייזער. עס גייען פאַרביי דעם פּלאַץ איינצלנע מענטשן, פאָרלעך — אָרעם געקליידט.

אויף דער ערד, אָנגעשפּאַרט אָן דער לאַמטערנע דרימלט, א מידער, נפתלי, איינגעקנוילט אין א קורטקע, וואָס זעט אויס, ווי די אונטערגעקירצטע קאַפּאָטע פונם טאַטן. לעבן אים, ביי דער זייט, ליגט א שמוציקע לייוונטענע טאָרבע מיט יידישע צייטונגען. פון א זייטיק געסל קומען אָן, איינער נאָכן צווייטן,ביידע צייטונגס־פאַרקויפער —— יינגלעך אין נפתליס עלטער.

ערשטער צייטונגס־פאַרקויפער:

(שטעלט אָפּ דעם צווייטן) אויב ער איז אויף דער בערזע אויך טישטאַ, קאָן מען רעכענען אַזוי גוט, ווי ער וואָלט אויסגערונען.

צווייטער צייטונגס־פאַרקויפער:

זוו וועט ער זיך אהינטאָן? ער איז דאָרט זיכער דאָ. גאַנציענע טעג דרייט ער זיך דאָרט אַרום. האָסט געזען — א יאָט זאָל זיך אויסקלייבן א פּונקט צווישן הוילע קבצנים. וועד קויפט ביי אים א בלאַט?

ערשטער צייטונגס־פאַרקויפער:

ער האָט שוין זיינע קליענטן. וואָס? ווייסט דען נישט?

צווייטער צייטונגס־פאַרקויפער:

(באַמערקט נפתלין. פאַרחידושט) זע, אָט איז ער דאָך! (מיט מיטלייד אויפן פּנים) איינגעשלאָפן.

ערשטער:

אין אַזאַ קעלט — איינגעשלאָפן. מ'דאַרף אים א וועק טאָן (שלייכט זיך שטיל צו צו נפתליס טאָרבע, שלעפּט פאָרזיכטיק אַרויס א פּאָר צייטונגען, גייט צו צו דער ראַמפע, שרייט אויס): א „היינט"! א „מאָמענט"! א „יידיש וואָרט"!

נפתלי:

(כאַפּט זיך אויף, באַטראַכט דורכדרינגלעך ביידע צייטונגס־פאַרקויפער, צעשמייכלט זיך) זע, מ'לאָזט נאָר קיין דרימל נישט כאַפּן.

(צום ערשטן צייטונגס־פּאַרקויפער) אַ סוף, יאַסקע, לייג אוועק מיין ביסל סחורה.

ערשטער:

(מיט געמאַכטער פאַרוווּנדערונג) וואָס הייסט „לייג אוועק"? אָט אַזוי לייגנדיק וועט עס דאָך ווערן פאַרלעגענע סחורה.

צווייטער:

(נעמט אָפּ ביים ערשטן דאָס ביטל צייטונגען — רופט אויס ווי דער ערשטער). אַ „הייַנט"! אַ „מאָמענט"! אַ „יידיש וואָרט"!

ערשטער:

(זינגט)

וואָס עס שרייבט נאָר דער „מאָמענט" —

ביידע צייטונגס־פאַרקויפער:

(שרייען אויס) אוי, איז דאָס אַ ליגן!

ערשטער:

(זינגט) אַ מיליאָן מאַרק איז נישט ווערט קיין האַלבן סענט!

ביידע:

(זינגען מינאָר) אוי, דאָס איז נישט קיין ליגן.

צווייטער:

(זינגט) שטיינער האָט געשאָסן אין וואַישטשעכאָווסקין — דעם פּרעזידענט...

ביידע:

(שרייען אויס) אוי, איז דאָס אַ ליגן!

צווייטער:

(זינגט שטיל) עס שטייגט די יקרות — אַ פּייער ברענט!

ביידע:

(זינגען) אוי, דאָס איז נישט קיין ליגן.

ערשטער:

(זינגט) אין די פאַבריקן דאַרף מען מער ארבעטס־הענט...

ביידע:

(שאָקלען מיט די קעפּ, צעציען די ווערטער) אוי, איז דאָס אַ ליגן!

ערשטער:

(געהיימנישפול) שפּיצלעס שלייכן זיך ביי אַלע ווענט —

ביידע:

(מיטן אַ טיפן זיפץ) אוי, דאָס איז נישט קיין ליגן...

נפתלי:

(שטייט די גאַנצע צייט אַ צעשמייכלטער, רייבט אָפּ די הענט פון הנאה, ווערט פלוצעם ערנסט) גענוג, יאַטן. רופט נישט אַרויס דעם בער פון וואַלד. דאָ האָבן זיך שוין היינט געדרייט אָט די... (שמעקט האַסטיק מיט דער נאָז) איר ווייסט דאָך — מאַליאַווסקי, מוליק. זיי האָבן שוין, ווייזט אויס, דערשנאַפּט, וואָס דאָ טוט זיך... (גייט אָפּ אַביסל אין אַ זייט, שלעפּט אַרויס פון בוזעם אַ בלעטל, קוקט אַריין, וואַרפט אַן אויג אויף די צייטונגס־פּאַרקויפער, וועלכע פאָרשן נאָך נייגעריק זיינע באַוועגונגען) נו, און דאָ — אַ? דאָ איז אויך אַ ליגן? (ביידע צייטונגס־פּאַרקויפער גייען צו נעענטער, קוקן אַריין. צווייטער צייטונגס־פּאַרקויפער גייט אָפּ אַביסל אין אַ זייט, ברענגט אין אָרדנונג די צייטונגען אין דער טאָרבע).

ערשטער:

(צום צווייטן) שוין? (מאַכט אַ באַוועגונג אָפּחוזקנדיק פון אים) אין טאַטע־מאַמען נאָם? (צו נפתלין) וואָס שטייט דאָרט?

צווייטער:

איר ווייסט וואָס? (קאָן זיך נישט דערמאָנען, צעטומלט) רעד אַביסל שטילער, נפתלקע.

נפתלי:

(שטיל) רוף מיך דאָ נישט ביים נאָמען (קוקט זיך אַרום) עס קאָן נאָך ווער פון די... (ציט עטלעכע מאָל מיט דער נאָז) אונטערהערן (סודותדיק) פאַר אייך הייס איך טוליע.

צווייטער:

און דו האָסט גאָר קיין מורא נישט... מיט אָט די אַ...

נפתלי:

(שמייכלט) אַוודאי, דו ווייסט דען נישט? (דערנענטערט זיך צום אויער פון צווייטן צייטונגס־פּאַרקויפער) איך לייען טאַקע דריי מאָל אַ טאָג קריאת־שמע (לאַכט).

ערשטער:

(לאַכט צוזאַמען מיט נפתלין. רייסט פלוצעם איבער) טוליע, דו ביסט שוין א פאַלגער קאָמוניסט?

נפתלי:

(קוקט אים אָן שטרענג. באלד ווערט זיין פנים מילדער) א סוף, א סוף. צו וואָס די רייד? — לאָמיר זיך נעמען בעסער עפּעס טאָן. (רופט ביידען צו נעענטער) איצט גייט מען פון דער ארבעט. ביים פאַריין זיינען פאַראַן א סך מענטשן. אויף דער בערזע (ווייזט אויף לינקס) איז פול. (שלעפט ארויס פון בוזעם א פּאָר בלעטלעך) נעמט. דערזעט איר אַן ארבעטער — שטעקט אים אין האַנט אריין. אָבער — שאַ, איר ווייסט פון גאָרנישט. געגעבן — און א סוף. איר זייט נישטאָ. איר פארשטייט? יאָ, און דערזעט איר דאָ ערגעץ זארעמבען, צי מאַליאַווסקין, צי מוליקן — גיט גלייך צו וויסן (רופט זיי צו נעענטער צו זיך) איין וואָרט בלויז — „שנעפּלעך!". שוין.

ביידע צייטונגס־פארקויפער גייען אוועק. נפתלי פארשפיליעט זיך דאָס העמדל. פון רעכטס קומט אָן מאַניש. א ברייט־פלייציקער מיט א דיקן פנים, אָנגעטאָן אין א שווארצן מאנטל און א הוט.

נפתלי מאכט זיך, ווי ער וואָלט אים נישט באמערקט, גייט נעענטער צו צו דער ראמפּע, שרייט אויס: א „היינט", א „מאָמענט", א „יידיש וואָרט"...

מאַניש:

(שטעלט זיך אָפּ, באטראכט נפתלין) אזוי... (רופט מיט א פינגער צו זיך נפתלין, וועלכער האָט זיך אומגעקערט אין זיין זייט) האַנדלסט אַלץ מיט אָט די שמאָנצעס? א רעכט בלאַט וועט מען נאָך אַלץ נישט ביי דיר?

נפתלי:

(ווי פאַרחידושט) וואָס רעדט איר, פאַניע מאַניש? אַלע זיינען רעכטע. אָט קלייבט זיך אויס — ביז איינע רעכטע!

מאַניש:

(מיט צאָרן) פאַרוואָס זעט מען ביי דיר נישט די „לעבנס־פראַגן"? דאָס איז דאָך אַן אונדזעריקע, אַן ארבעטער־צייטונג.

נפתלי:

(קוקט אים אָן מיט שטארקער פארוואונדערונג) גייט שוין, גייט, פאַניע סעקרעטאַר, איר ווייצלט זיך (רוקט זיך צו נעענטער צו מאָנישן) אנומלט — כ'האָב אליין געזען — זארעמבאַ האָט געשלעפּט איינעם אין דער דעפענסיווע (סודותדיק) ער האָט ביי אים געפונען אַן ארבעטער־בלאַט. אָבער דאָס איז געווען אַן אנדערס (גייט אָפּ אביסל אויף צוריק) נישט די „לעבנס־פראַגן".

מאַניש:

(נערוועז) פארעד מיר נישט די ציין, פּאָליטיקער גרויסער. זאָג נאָר, האָסט דאָ אמאָל נישט געזען דעם שוואָגער דיינעם?

נפתלי:

(פארוואונדערט) מיין שוואָגער? זע נאָר, זע, ווען האָבן עס מיינע שוועסטערס חתונה געהאַט? כ'ווייס, אז זיי האָבן נאָך קיין נדן נישט (רוקט זיך צו נעענטער צו מאָנישן, שטיל) צו וואָס דאַרפט איר אים? עפּעס א נייטיקע זאַך? איכל אים זאָגן...

מאַניש:

(הארט) כ'דאַרף נישט קיין זאָגערס. רחמיאל ווייסט אליין מיין אדרעס (הייבט אָן אָפּצוגיין).

נפתלי:

איר אליין פאַניע סעקרעטאַר, האָט דאָך אים אָנגעזאָגט, ער זאָל אייער אדרעס פארגעסן, ער זאָל זיין פוס אין פאַריין נישט ווייזן...

מאַניש:

אָט ווי די פּאַטשט ארבעט עס ביי זיי! ער גייט נאָך נישט אין קיין גאַטקעס און אים פארטרייט מען שוין אויך. איז דען א ווונדער, אז מ'ווייסט שוין באלד נישט, ווער ס'איז א זייעריקער און ווער ס'איז א פּראָוואָקאַטאָר.

נפתלי:

מ'ווייס, מ'ווייס... אוי ווייס מען! איר זייט נישט קיין זייעריקער, אַ יאָ, פאַניע מאַניש? (מאַניש גייט צו נעענטער דראָענדיק נפתלין, וועלכער טרעט אָפּ א פּאָר טריט) אנישט וואָלט איר דאָך אויך געוועזן האַרט, (ווייזט אויף לינקס) אויף דער בערזע, מיט די שטרייקערס (טרעט אָפּ נאָך עטלעכע טריט אויף צוריק, מיט א

גענדערטן טאָן) און נישט געשפּילט גאַנצע טעג אין קאָרטן מיט די באַלעבאַטים.

גייט שנעל אָפּ אין דער זייט פון דער בערזע. שרייט: א „היינט" א... האקט אָפּ אין מיטן, דערזעט די אָנקומענדיקע רחמיאל, טשערמאַק, ברייטערן, ארבעטער. זיי באמערקן מאָנישן — בלייבן שטיין.

אלע זיינען אָנגעטאָן אין וואָכעדיקע קליידער. רחמיאל דרייט אָפּ דעם קאָפּ. רעדט עפּעס צו טשערמאַקן, וועלכער גיט איבער א צווייטן. ארבעטער שאָקלען צו מיטן קאָפּ. פאָרויס לאָזט זיך ברייטער — א שלאנקער בחור מיט שווארצע אויגן, אָנגעטאָן אין אן אָפּגענוצטן זעלנערישן שינעל, דאָס היטל אביסל אין א זייט. זיין גאַנצער אויסזען — א וווילינגערישער.

ברייטער:

(צו מאָנישן) אָ, וואָס פאַר א גאַסט ביי אונדז אין לאָקאַל! (מאַכט א ברייטן זשעסט, אָנווייזנדיק אויפן פלאַץ) ביטע, חבר מאָניש — מיר וועלן זיין גאַסטפריינדלעכער פון אייך. פאַרנעמט פּלאַץ.

מאָניש:

אייך ליגן נאָך חכמות אין זינען, און ביי מיר שלאָגט מען אָפּ די שוועלן. א גאַנצן טאָג — רק מען הערט נאָר געוואַלדן, געשרייען — תשעה באָב! פון אונדז, פון פאריין וויל מען הילף. אָבער ווען מ'איז אוועק און געמאַכט א ווילדן שטרייק מיט אלע אַנאַרכיסטישע שטיק — איז מען צו אונדז נישט געקומען, ביי אונדז האָט מען נישט געפרעגט.

ברייטער:

ס'הייסט נישט געפרעגט? מיר האָבן דאָך אייך צען מאָל געזאָגט: אדרבא, זאָל דער פאריין זיך נעמען און מאַכן א טאָלק. האָט איר געמאַכט דעם אמתן טאָלק! אונדז האָט איר פון פאריין ארויסגעוואָרפן, מיט די פּוילישע און אוקראַינישע שטרייקערס זיך פאַראַנדערגעגאַנגען — א ייִדיש קלייטל געמאַכט.

טשערמאַק:

(דאָס פּנים איז ביי אים עקשנותדיק פארשטייפט. נישט ראַזירט. דאָס היטל — טיף פארזעצט אויפן קאָפּ, די נאָז — רויטלעך פון קעלט) כ'על מיט ווייב און קינדער בעסער די קאָפּיטעס אויסציען

און ביי איך בעטן וועל איך נישט. נישט קיין פאריין — א מתים־שטיבל איז עס, און איר פראַוועט גבאות אויף אונדזער חשבון...

מאָניש:

זעט נאָר דעם העלד! טשערמאַק, אפשר וועסטו פרווון קודם אָנקאָרמען ס'אייגענע ווייב און קינדער מיט דיינע אָנטעפּישטע רייד? זיי פילהערן דאָך די דייניקע, מער ווי אלע. שוין ציפיל קריכן זיי אין די אויגן ארייך. אפשר איז דאָס אייער נייעסטע טאַקטיק? אליין זייט איר די אויסגעהאַלטענע און די ווייבער שיקט איר צו אונדז, בעטן שטיצע.

טשערמאַק:

(אן אָנגעצונדענער) איר הערט? שטיצע! אז די זויסטע כאַליעריע...

רחמיאל:

(שטויסט פאמעלעך אָפּ טשערמאַקן, באַרואיקט אים. רעדט איינגעהאַלטן. ווידריק) נישט בעטן און נישט קיין שטיצע! זייערס מאָנען זיי, וואָס עס קומט זיי. א גאַנץ יאָר ציט איר פון טויט און פון לעבעדיק — דאָ אזא פאָנד און דאָ אזא אָפּצאָל — מאַלע וואָס! ווו איז עס אלץ? פאַר וועמען האַלט איר עס?

סיקומען אָן דער קרומער שמיל — א געעלטערט, צעקנייטשט פּנים, איין אַקסל העכער, דער קאָפּ אביסל אויסגעדרייט אויף לינקס, קוקט מיטן לינקן אויג שאַרפער, ווי מיטן רעכטן. ער הערט רחמיאלס לעצטע ווערטער, קוקט אויף מאָנישן.

מאָניש:

(זשמורעט כיטרע צו די אויגן) וועמען מיר זיינען מחויב אָפּצוגעבן דין וחשבון — דער וועט וויסן. ווער ס'איז מחוץ דעם פאריין, ווער עס פראַוועט ווילדע, אַנאַרכיסטישע שטיק, (מיט א געמאַכטער אויפגערעגטער שטימע) ווער עס פאַרמשפּט ווייבער און קינדער צום הונגערן — דעם זיינען מיר קיין שום ענטפער נישט שולדיק!

רחמיאל:

(אויפגערעגט, מאַכט אן אָנשטרענגונג זיך צו באַהערשן) אזוי זאָגט איר? און אפשר טאַקע דערפאַר האָט איר אונדז פון פאריין ארויסגעוואָרפן, כדי מיר זאָלן נישט אריינקוקן אין אייערע חשבונות?

(צו שמילן) וואָס זאָגסטו, שמיל? דו ווייסט יאָ, וואָס זיי טוען מיט אונדזער פראצע? (מיט לייכטער איראָניע) ביסט דאָך, זאָגסטו, א סאָציאַליער דעמאָקראַט, ביסט דאָך קעגן דיקטאַטור — אפשר דערציילט דיר דיין חבר מאַניש, וואָס ער טוט מיט אונדזער געלט?

טשערמאַק:

(אין א זייט) געפונען ביי וועמען צו זוכן יושר, ביים קרומען שמיל! (האַרט, אויפגערעגט) ווו איז ס'געלט? פאַרוואָס גיט איר נישט קיין גראָשן אויף אביסל קאַרטאָפליעס פאַר קינדער, וואָס הונגערן שוין די פינפטע וואָך?!

שמיל:

(פּלאָנטערט מיט דער צונג) לאָזט אָפּ... ס'איז דעמאַגאָגיע (קוקט אויף מאַנישן) איך האָב דאָך געזאָגט, מ'דאַרף אָרגאַניזירטערהייט...

טשערמאַק:

(האַקט אים איבער די רייד. מיט שפּאָט) אָרגאַניזירטערהייט... אָרגאַניזירטערהייט ארבעטן פאַרן באַלעבאָס און אליין אויסגעריסן ווערן, וואָס? אזוי מיינסטו? אָרגאַניזירטערהייט זאָלן ווייבער און קינדער אויסגיין נאָך א ביסן — אזוי פאַניע סאָציאַליסטן? צו דיין ווייב טענהסטו אויך אזוי, שמיל? אז קיין מגפה וויל נאָר אויף אייך נישט קומען!...

מאַניש:

(וואַרפט א פאַראַכטנדיקן בליק אויף טשערמאַקן. צו רחמיאלן) איר האָט די קאַשע פאַרקאָכט — איז וואָס ווילט איר, מיר זאָלן זי אויסכליאַבען? מיט שיקן די ווייבער אין פּאַריין, מיט סקאַנדאַלעווען וועט איר גאָרנישט אויפטאָן. (ציילט יעדעס וואָרט) זיי וועלן צוריקקומען צו אייך, איר הערט? (סקאַנדירט) זיי וועלן צו אייך צוריקקומען! און די אחריות, אויב דער דריטער צד וועט זיך אַריינמישן, וועלן מיר אויף זיך נישט נעמען.

טשערמאַק, אַנדערע אַרבעטער:

(גיבן זיך א ריס צו מאַנישן, רחמיאל פאַרהאַלט זיי אין וועג) מיט פּאָליציי סטראַשעט ער! מסור!

רחמיאל:

(בלאַס, אויפגערעגט, קוקט אָנגעשטרענגט מאַנישן אין די אויגן) אזוי ווייט האַלט איר שוין?! (העכערט די שטימע) אזוי העלפט

איר עס די ווייבער מיט די קינדער? אויף אונדז אָנרייצן ווילט איר! ס'איז אַן אַלטע קונץ. דער דאָזיקער האַרמאַט וועט אין אייך אליין טרעפן! (געדעמפּטער) און מיטן דריטן צד זאָלט איר אונדז נישט סטראַשען, איר הערט?!

מאַניש:

(האַלט אויס אויף זיך רחמיאלס דראָענדיקן בליק. רעדט איינגעהאַלטן, שטיל, אין א טאָן, ווי ס'וואָלט אים שוין אַלץ נמאס געוואָרן) ס'איז דאָ א מעגלעכקייט זיך צו דערריידן. די באַלעבאַטים ווילן איינגיין...

אַן אַרבעטער:

(נאָך אים אַנדערע אַרבעטער דערנעענטערן זיך צו מאַנישן. טשערמאַק בלייבט שטיין פונדערווייטנס, באַטראַכט אַלעמען מיט ביטול) אויף וואָס ווילן זיי איינגיין?

רחמיאל:

(ווען ער הייבט אָן צו רעדן ווענדן אַלע זייערע פּנימער אין זיין זייט. טשערמאַק קערט זיך אָפּ) ווי דען? מיר האָבן דען נישט געוווסט? איצט, פאַרן ווינטער־סעזאָן וועלן זיי באַקומען לשון.

טשערמאַק:

(גרינגשעצנדיק) פאַרוואָס קומען זיי נישט אהער, צום שטרייק־קאָמיטעט? וואָסי, זיי ווייסן נישט דעם אדרעס? וואָס לויפן זיי אין מאַנישעם פּאַריין?

מאַניש:

זיי ווילן געבן אַן הוספה...

אַן אויפרודערונג צווישן עולם, אויסרופן: „וויפל גיבן זיי?", „מירן פאַר קיין טעפל באָרשטש נישט גיין צוריק!" — מאַניש מאַכט מיט דער האַנט, אז ער וויל נאָך עפּעס זאָגן) מ'וועט זיך דערריידן, כאָטש די צייט איז א שווערע...

רחמיאל:

אזוי, אַן הוספה ווילן זיי שוין יאָ געבן. זייער פיין. נו, און פון שטיק־אַרבעט זאָגן זיי זיך אָפּ?

מאַניש:

מיט דעם איז נישט אזוי גלאַט. זיי שלעפּן אָפּ... איר ווייסט דאָך, קריזיס...

טשערמאַק:

(רייסט זיך ווידער ארויס פאַרויס) איז נישטאָ וואָס צו רעדן. (צו מאַנישן) וואָס זייט איר געקומען — ווייבער מאכן אונדזערע הערצער, ווייזן אונדז א צוקערל?

רחמיאל:

(מאכט מיט דער האנט א באוועגונג צו טשערמאקן, ווי וועלנדיק אים בארואיקן) נו, און איר, כ׳מיין דער פאריין וואָס זאָגט (רעדט צו די ארבעטער, ווייזנדיק מיטן קאָפּ אויף מאַנישן) איר האלט אז מ׳זאל יאָ גיין ארבעטן פון שטיק?

טשערמאַק:

מיט די זייטן זאָלן זיי ארבעטן אזוי לאַנג קרענקען זיי — איינציקווייז! פון שטיק! פארטיעסווייז! — ווי מיר וועלן הערויף נישט אײַנגיין!(מיט כעס צו רחמיאלן) א סוף, נישטאָ וואָס צו שטשירען די ציין. נישט דערויף האלטן מיר זיך וואַכלאַנג, כדי ביים סאמע סעזאָן זיך אויסצוציען אויף אלע פיר.

מאַניש:

(מיט אן אידאַניש שמייכעלע) שוין? איר האָט שוין אָפּגעפּסקנט? ווי לייכט איר באשליסט עס פאר אלעמען. און זיי (ווייזט אין דער זייט פון דער בערזע) ביי זיי דארף מען אפילו נישט אָנפרעגן? אפשר מ׳האָבטן זיי גאָר אַנדערש. אָבער גיי, רעה, — זיי זיינען האָך ביי אייך „אייל אויף די רעדער פון דער רעוואָלוציע”.

רחמיאל:

לאָזט אָפּ, מאַניש, ס׳איז אן אלטער, פארזשאווערטער האַק. אויף אים וועט איר קיינעם נישט פאנגען.(אנטשלאָסן) זיי — האָט זייען מיר אלע! איין געדאנק, איין ווילן, פרווט אָקאָרשט אריינקלאַפּן ערגעץ ווו א קלין — איר וועט זיך די הענט קאַליעטשן (קוקט זיך ארום אויף די ארבעטער, דערזעט טשערמאַקס כריאַמפּירנדיקן פנים, קנייטשט פארזאָרגט דעם שטערן) איר ווילט שמועסן? גוט, מירן רעדן. רופט די פארוואלטונג. רופט אונדז, דעם שטרייק־קאָמיטעט. מירן רעדן.

מאַניש:

גוט, מירן רעדן. (צו שמילן) איר גייט? (שמיל כאפט א בליק אויף די ארבעטער) קומט (מאַניש גייט אוועק, שמיל נאָך אים, נישט אנטשלאָסן).

טשערמאַק:

(צו רחמיאלן, אָנגרייפּעריש) ווהין שלעפּסטו אונדז? צוריק אין מתים־שטיבל, אין פאריין? אן איינעם דארפן מיר, אן איינעם פאריין. טאָן דארף מען. (קוועטשט צונויף די פויסטן) נישטאָ מיט זיי וואָס צו רעדן.

רחמיאל:

אוודאי אן איינעם, אָבער נישט מיט בריקעון זיך שאַפט מען אים. האָסט געזען, ווי דער קרומער שמיל האָט קוים א פוס געשלעפּט. א נו, פרוו אים א צי טאָן צו זיך. פארשטייסט צי ניין?

פון א געסל רוקט זיך שטיל ארויס נפתלי, דערנענטערט זיך צו רחמיאלן, זאָגט אים עפּעס אויפן אויער, גייט פאמעלעך אָפּ. רחמיאל גייט נאָך אים, בלייבט שטיין ביים ראָג געסל. דער עולם צעגייט זיך ביי די זייטן פלאַץ, צו דער בערזע. סיקומט אָן פיאָטר, וואַרפט א בליק ארום, באגריסט זיך מיט רחמיאלן.

פיאָטר:

מ׳האלט זיך?

רחמיאל:

מ׳האלט זיך. ווי דען?!

פיאָטר:

איז גוט. ס׳גרייט זיך אירזשיקס פאבריק. די זעלבע מעשה. און אקאָרד וויל מען זיי געבן. הער זיך איין — וואָרן אלע דיינע מענטשן. זשדזשאַראַק האָט אָנגעזאָגט — האלטן זיך צוזאמען מיט די ארבעטלאָזע! לאָזט נישט אָפּ די פרויען. עפּעס גרייטן זיי, די פּפּס, דער בונד — א נייע חזירײַ. דער שוואַרץ יאָר ווייסט זיי, וואָס זיי קאָנען צוטראכטן.

רחמיאל:

מ׳ווייסט שוין. די ערשטע אטאקע געהאט. מאַניש אליין איז דאָ נאָר וואָס געווען. יאַקאָש ארויסגעהאלטן. אז ער האָט נישט געקומען מיט כמראשען — רופט ער אויף אונטערהאנדלונגען.

פיאָטר:

אונטערהאנדלונגען? פארוואָס נישט. מ׳קאָן! דער עיקר — זאָלן זיי פילן, אז דער עולם לאָזט זיך נישט ברעכן. שפּילט זיי אויף,

אז זיי זאָלן באַלד הערשפּירן, אז איר האָט א נייע כלי אין דער האַנט...

רחמיאל:

וואָס הייסטו? כ׳פאַרשטיי נישט? זעגן וואָס פאַר א כלי רעדסטו?

פּיאָטר:

(כאַפּט זיך) יאָ, יאָ, כ׳האָב זיך פאַרעדט און האָב פאַרגעסן דעם עיקר, נאָך וואָס כ׳בין אהער געקומען. איר באַקומט נאָך היינט הילף...

פון דערווייטנס הערט זיך נפתליס בעטנדיק קול: „וואַרט צו א מינוט... וואָס איילסטו זיך... איך זאָג דאָך דיר — ער איז פאַרנומען..." עס קומט שנעל אָן שרה, נאָך איר נפתלי, וועלכער ווייזט רחמיאלן מיט א זשעסט, ווי ער וואָלט נישט שולדיק געווען, וואָס שרה איז פּונקט איצט אָנגעקומען. פּיאָטר דערקלערט עפּעס רחמיאלן.

רחמיאל:

(רייסט זיך אָפּ א צעשטראַלטער פון שמועס מיט פּיאָטרן). וואָס איז שרהלע? ס׳איז עפּעס געשען?

שרה:

(צעטומלט) גאָרנישט... גלאַט אזוי... דיין באַלעבאָס, דער הער פּריד זוכט דיך, ער דאַרף דיך נייטיק האָבן. שוין צוויי מאָל געווען ביי אונדז זיך פרעגן.

רחמיאל:

אזוי? אזוי נייטיק דאַרף ער מיך(צו פּיאָטרן) די מאַשין אַרבעט! זי זאָגט, אז מיין פראַנץ־יאָזעף האָט אונז באַוויליקט צו זיי אין בוידעם־שטיבל. דווקא דאַרט וויל ער מיט מיר (צו שרהן) טאַטע נאָר מיט מיר וויל ער רעדן? (מילד) גיי זאָג אים, אז כ׳נעם אויף נאָר ביי זיך אין ביורא. (ווייזט אויפן גאַנצן פּלאַץ) דאָ איז היינטיקער (שרה, אן אנטוישטע נעמט פאַמעלעך אָפּגיין) זאָלסט באַלד קומען צוריק אהער.

שרה:

(שטעלט זיך אָפּ, קערט זיך אום מיט א זייט, צו רחמיאלן — פאַרוואונדערט) מיך מיינסטו? אהער?

רחמיאל:

רוף אויך עטקען, דער מאַמען (שמייכלט) ס׳וועט זיין עפּעס אויפן מאַרק צו קויפן. ביליק. בחצי חינם.

שרה:

(מיט פאָרוואורף אין דער שטימע) מאַכסטו חוזק?

רחמיאל:

(לאָזט זיך שנעל צו איר, נעמט זי פאַר דער האַנט, קערט זיך אום צו פּיאָטרן). חוזק, זאָגט זי, מאַך איך פון איר.

פּיאָטר:

(פּאַטערלעך — ווייך צו שרהן) וואָס רעדט איר, חברטע! (שרה הייבט פאַרחידושט אויף אירע אויגן אויף פּיאָטרן) צי זען מיר דען אויס אזוי, ווי מיר וואָלטן וועלן חוזק מאַכן? [illegible] איך? (דערלאַנגט איר די האַנט, קוקט איר מילד אריין אין די אויגן. געזעגנט זיך מיט רחמיאלן, גייט אוועק).

רחמיאל:

(צאַרט) וואָס איז מיט דיר, שרהלע? פאַרוואָס זעסטו אויס אזוי בלאַס?

שרה:

בלאַס? אזוי ווי שטענדיק... (לאָזט אַראָפּ די אויגן, פאַרצווייפלט) ווען וועט עס זיך שוין ענדיקן, רחמיאלקע? מ׳זעט דיך גאַנצע טעג נישט אָן. און איך גיי אויס פאַר שרעק. טאַטע... כ׳קאָן קיין נאַכט נישט שלאָפן. מיר דוכט זיך אלץ, אז איך הער דיינע טריט, דיין קול, אז מ׳פירט דיך...

רחמיאל:

פאַרוואָס־זשע קומסטו נישט אהער? ס׳איז דאָ אזויפיל אַרבעט, אז כ׳קאָן זיך גאָרנישט פאַרגינען צו דיר צו קומען. אומעטום דאַרף מען הילף. (פליסטערט) אָט האָבן זיי, פון פאַריין, צוזאַמען מיט די באַלעבאַטים זיך גענומען אַנרייצן אויף אונדז די משפּחות. ווייסט דאָך, מ׳הונגערט. און גראָד קאָנען מיר געווינען. גלייב מיר, כ׳זאָג עס קיינעם נישט — ס׳האַרץ פאַלט ביי מיר אַרויס, טאַטע, חלילה, זאָל זיך וועד איצט איינברעכן... (אויפגערעגט) שרהלע, דאַרף מען דאָך העלפן, אויפהאַלטן, דערציילן ווי, וואָס, ווי אזוי.

שרה:

דו מענהסט שטענדיק דאָס זעלבע. זוייניס, אַז עסקען זעט מען גאַנ־צענע טעג מיט נעכט נישט אָן? (מיט טרערן אין קול) נישטאָ שוין מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורעדן. כסדר מוז איך אויסהערן דאָס קרעכצן פון דער מאַמען...

רחמיאל:

פאַרוואָס קומסטו נישט אהער? מיט אַלעמען איז דאָך גרינגער.

שרה:

(דרייט מיטן קאָפּ, פאַרלייקנט)... אפילו דער קלייניער יונג איז גע־וואָרן אַ נאַסט אין דער היים. וואָס האָט פּיאָטר פון אים געמאַכט? ער איז דאָך אַזאַ שטילער געווען. איצט — ווי עפּעס, איז ער אינמיטן. (אויפגערעגט, בעטנדיק) רחמיאלקע, לאָז מיך נישט אַליין, איך בעט דיך. היט זיך אויס, טו עס מיר. צי קומט אונדז שוין טאַקע נאַרנישט?!

רחמיאל:

וואָס רעדסטו, וואָס? ס'הייסט נאַרנישט? אַלץ! דו הערסט — אַלץ קומט אונדז! (מילד) פאַרשטיי שרהלע, דו ניסט, שטוקעווּעסט, לאַטעסט. אוודאי, פון פיצלעך און ברעקלעך קאָן מען נאָך צונויפ־סטריגעווען אַ מלבוש. (נעמט זי ביי ביידע הענט) אָבער אַ לעבן — ניין, שרהלע, דאָס מוז מען נעמען אינגאַנצן!

שרה:

(מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן) איך פאַרשטיי זיך נישט הערויף. איך ווייס נאָר, אַז טאָמער ווערסטו נישט — איז אָן עק מיט מיר (וויינט) כ'קום פון דער אַרבעט — ניי איך אינדערהיים. גאַנצענע נעכט ניי איך. כ'וועל זיך נאָך נעמען צום שטריקן אויך. כ'וועל אַלץ, ביז אין גראָשן אָפּלייגן. כאָטש אויף אַ ברעקל לעבן. (ווישט אויס די אויגן. רעדט שטיל, נישט אנטשלאָסן) דער מייסטער זאָגט, ביסט אַ גומער באַלמעלאָכע — ער האָט צוגעזאָגט דיר צו העכערן.

סיגייט פאַמעלעך פאַרביי נפתלי, חזרט שטיל, צעצויגן: „עקס־טרע צייעס", „קויפט אַ „מאָמענט"! באַטראַכט פון אַ זייט רחמיאלן און שרהן, שטעלט זיך אוועק ביי אַן אָנגעצונדענער הויז־לאָמפּ לייע־נען אַ ביכל.

רחמיאל:

(שאָקלט באַדויערנדיק מיטן קאָפּ) און דאָס רעדסט דו אַזוי, שרה? צי ווייסטו, וואָס דו רעדסט? (שטיל, עקשנותדיק) דער באַלעבאָס האָט מיט דיר — דווקא מיט דיר! — מיטגעשיקט סם־המות און דו ווילסט עס מיר איינגעבן?

שרה:

(אַ דערשראָקענע, כאַפּט אַ בליק ארום זיך) וואָס רעדסטו, וואָס, רחמיאלקע? וואָס האָב איך חען אזוינס געזאָגט?

רחמיאל:

(ווי צו זיך) „באַדאַי הונגערן, אַלע שלעק אויסשטיין — אָבער איינמאָל פאַר אַלעמאָל פּטור ווערן פון אָט דעם געמיינעם לעבן" — ווער האָט דאָס געזאָגט? געדענקסט?

שרה:

(מיט אַ געפאַלענער שטימע) כ'זאָג עס איצטער אויך.

רחמיאל:

ניין, נישט דאָס זאָגסטו איצט, שרה. נישט מיט דיין לשון ביסטו געקומען אהער. (אויפגערעגט, מיט אימפּעט) כ'וויל נישט, הערסט, כ'וויל נישט אַזאַ ביסן, וואָס זאָל מיר בלייבן שטעקן, ווי אַ ביין אין האַלדז. כ'וויל נישט אַזאַ לעבן, וואָס זאָל כסדר, אָן אויפהער ווערן אונטערגעשמיסן מיט אַ פּאָליציאַנטישן קאַנטשיק, און מיר זאָלן, ווי די פערד, גיין אין שפּאַן.

שרה:

(טרויעריק, שטיל, מיט בעטנדיקע אויגן אויף רחמיאלן) און איך וויל דען?

רחמיאל:

(מיטפילנדיק) איז פאַרוואָס־זשע רעדסטו אזוי? פילסטו גאַרנישט, ווי שטאַרק דאָס טוט מיר וויי? (קוקט איר אַריין אין די אויגן. פלוצעם — אַ דערמונטערטער, מיט הייטערקייט) כ'האָב אַ ניי ליד, פון דאָרטן, פון די סאָוויעטן. אוי, ווען דו הערסט עס! ס'האַרץ ווערט ווי אַין ישטיק פלאַם (דריקט זי צו זיך) ווייסט וואָס? וואַרט אויף מיר היינט. (סיקומט אָן עטקע באַטראַכט פאַרוווּנדערט ביידן) כ'וועל קומען. וואַרט אויף מיר.

שרה:

(שמייכלט פאַרלוירן) גוט, כ'על וואַרטן. (דערזעט עטקען, באַקומט דעם פריערדיקן פאַרזאָרגטן אויסזען)

עטקע:

(איראָניש) אויף וועם איז די בערזע?

רחמיאל:

(צעעפנט ברייט די אויגן, שמייכלט) אויף אַלץ, עטקע, אויף אַלץ. און מ'טרייבט אונדז פון די שטיבער — מוזן מיר די נאָס מאַכן פאַר אונדזער ישוב.

נפתלי:

(דערנענטערט זיך צו זיי. קיינער באַמערקט אים נישט. בלייבט שטיין). און ווו נעמט מען עס אַזאַ ישוב, וואָס זאָל אַלעמען אַריינ־נעמען? (אַלע דרייען זיך אויס אין נפתלים זייט)

עטקע:

זע, זע — ברענגט נאָך אַראָפּ דער מאַמען אַהער, וועלן מיר דאָ שוין האָבן די גאַנצע משפחה.

שרה:

(כאַפּט זיך, ווי זי וואָלט עפּעס פאַרגעסן. צו רחמיאלן פרעגנדיק) אויף אַן אמת מאַקע? רופן דער מאַמען אַהער?

רחמיאל:

אויף אַן אמת, שרה. גיי רוף זי. שיק אַלע ווייבער אַהער, ס'עט זיך לוינען. (שרה גייט אַוועק. צו עטקען) דו וועסט דאָ בלייבן. (נפתלי, א פאַרחידושטער טראָגט זיך פאָרזיכטיק אָפּ) האַלט אַן אויג, און אַז מ'וועט דאַרפן, וועל איך דיר זאָגן, וואָס דו האָסט צו טאָן.

עטקע:

עפּעס רעדסטו אַזוי מאָדנע. כ'פאַרשטיי נישט, ווער? וואָס?

רחמיאל:

(ווינקט געהיימעניספול) קאָנ־ספּי־ראַציע! (לאָזט זיך צו דער בער־זע).

עטקע גייט צום רעכטן ראָג פון פלאַץ. עס קומען איר אַנטקעגן די דריי פויערים, אָנגעלאָדענע מיט זעק. באַטראַכטן אַלץ אַרום,

לאָזן אַראָפּ די זעק אויף דער ערד. עטקע אָבסערווירט זיי פון דער ווייטנס.

ערשטער פויער:

אַזוי ווי ס'איז גערעדט געוואָרן. מיר פאַרקויפן פון קילאָגראַם. (וואַרפט בליקן אַרום) ווו נעמט מען אָבער אַ וואָג? אַ שיינער מאַרק, אַ?

צווייטער פויער:

מיט אַ לאַמטערנע אין דער מיט.

דריטער פויער:

מ'זעט אָבער קיין קונה נישט אָן. וואָס אַן אמת — כ'וואָלט שוין אַ בעלן זיין פּטור צו ווערן. טאָמער וואָס־זשע — גיי טענה זיך אויס.

ערשטער פויער:

וואָס איז דאָ פאַראַן וואָס צו טענהן? באַמבעס פירן מיר, צי וואָס?

צווייטער פויער:

נאָך אַ מין באַמבעס! וואָס האָט זשדזשאַראַק געזאָגט... (באַמערקט פלוצעם עטקען, רייסט איבער פאַרטרוילעך) וואָס תּרייט זיך עפּעס יענע דאָרט אַרום?

ערשטער פויער:

קאָנסט זי נישט אַ פרעג טאָן? (הוסט אָפּ אין עטקעס זייט, מיט געמאַכטער איידלקייט) פּאַניענקע, צי זיינען דאָ נישט פאַראַן ביי אייך קיין בעלנים אויף קאַרטאָפליעס? איינע און איינע! פּשוט — מעל. (קוקט זיך אַרום. שרייט אויס) קאַרטאָפל, ווי די עפּל! (צו עטקען) מ'לעבט אין ווילטאָג, וואָס? נישטאָ קיין בעלנים? (כיכי־קעט אונטער).

עטקע:

(כאַפּט זיך, רעדט אייליק) וואָס רעדט איר, פּאַניע? אין ווילטאָג זאָגט איר? מ'גייט אויס נאָך אַ קאַרטאָפליע. מענטשן זיינען אָן אַרבעט. (שטיל, פאַרטרוילעך) מע שטרייקט. (די פויערים ווינקען זיך איבער) ווו נעמט מען אָבער געלט אויף קאַרטאָפל?

צווייטער פויער:

ווו מ'נעמט געלט? כע—כע—כע, אין באַנק, זאָגט מען, איז פאַראַן אַ אוצר. (ערנסט) גייט, גייט פאַניענקע, רופט אַהער די ווייבער. אַ מציאה. אַרונטער פון קרן. מ'עט שוין אַדורכקומען.

עטקע:

(מיט ברייט צעעפנטע אויגן, ווי זי וואָלט ערשט אַלץ פאַרשטאַנען) אָט באַלד קומען זיי. וואַרט צו, פאַניאָוויע — אַ חנע בלויז. (לאָזט זיך איילעק צו דער בערזע)

סיקומען עטקע אַנטקעגן פרויען מיט קינדער, עטלעכע מע־נער, צווישן זיי: רחמיאל, טשערמאַק, ברייטער. די פרויען גייען צו — פריער נישט דרייסט, שפּעטער אַלץ טומלדיקער — צו די זעק קאַרטאָפל. עס הערן זיך שטימען: „ווי טייער?" „פון זעקל?" „גיי ברענג אַ קוישל" „ווו נעמט מען די גרייצערס?".

ערשטער פויער:

שאַט, ווייבער, טאָרעט נישט. מיר פאַרקויפן נאָר פון קילאָגראַם. דער פּרייז... (זוכט צווישן עולם, שטעלט זיך אָפּ אויף עטקען) פאַ־ניענקע, איר ווייסט דאָך וויפל עס קאָסט. וויפל מיר האָבן אַריינ־געלייגט, וועלן מיר אַרויסנעמען. (שטיל, צו עטקען) ווו איז דער באַלעבאָס? (עס רוקט זיך צו נעענטער רחמיאל. עטקע ווייזט אויף אים מיט אַ ווונק) נו, זאָגט זיי עפּעס, אַ פּאָר ריכטיקע ווערטער. אונדזער זאַך — ווייסט איר דאָך: נעמט די קאַרטאָפליעס און זייט מיר געזונט!

רחמיאל:

(געריריט) נײַן, טייערע פרײַנד, איר'ט שוין מוזן אַליין זאָגן... איר'ט עס בעסער מאַכן... זאָלן זיי וויסן, ווער עס העלפט...

דריטער פויער:

דאָס קענען מיר נישט. ביי זיך, אין דאָרף, פאַרשטייען מיר זיך אויפן ווונק. אָבער דאָ, צווישן שמאָטישע, דערצו ייִדן...

צווייטער פויער:

ייִדן — קאַפּידן — וואָס איז דאָס פאַר אַ רייד? אַקוראַט ווי דער וואָיט. זעסט דאָך די פּנימער! (העכערט די שטימע, הוסט אָפּ) איז פאַרשטייט איר, וואָס מ'רעדט צו אייך, צי ניין? נעמט די קאַר־טאָפליעס און צעטיילט צווישן זיך, אָבער גערעכט. (אַלגעמיינע

קאָנסטערנאַציע) אָט דאָס וואָס איר הערט. איך זאָג אייך, וואָס די אונדזעריקע האָבן אונדז אָנגעזאָגט. איר ווילט דאָך נישט מ'זאָל אייך קריכן אויפן קאַרק און בראַקען אין דער צורה אַריין?! מיר — אויך נישט! דאַרף מען זיך העלפן. (אַלגעמיינע אויפרודערונג) כ'זאָג ריכטיק, צי ניין? (אויסגעשרייען „אוודאי", „גאָלדענע רייד", „גערעכט, גערעכט").

ערשטער פויער:

(צו עטקען) פאַנייענקע, וואָס שטייסטו? נעם זיך צו דער אַרבעט (צו עטלעכע ייִנגערע) און איר אויך.

עטקע:

(שטעלט זיך לעבן די פויערים, שטייט אַ מינוט אין פאַרלעגנהייט, קוקט פרעגנדיק אויף רחמיאלן, וועלכער ווינקט צו איר, גיט איר צו מוט. זי שלעפּט אַראָפּ ביי צוויי יונגטלעכע די היטלען, נעמט אָן אין זיי קאַרטאָפל) וויפל זייט איר? פיר פּערזאָן — פיר פּאָרציעס.

סיקומען אָן מאָניש, נאָך אים שמיל. בלייבן שטיין אומבאַ־מערקט פון דער ווייטנס, דערשטוינטע.

ערשטער פויער:

שנעלער, שנעלער. גייט צו. נעמט (צו מאָנישן און שמילן) וואָס שטייט איר מיט די הענט אין די קעשענעס. וואָס זייט איר, פּאַנעס? העלפט צו!

מאָניש:

(אַרויסצישענדיק דורך די ציין) דאָס שמעקט מיט פּראָוואָקאַציע! (הייבט אָן זיך צוריקצוציען מיטשלעפּנדיק שמילן, שרייט אויס הויך) פאַר אַ פּאָר קאַרטאָפל פאַרקויפט איר די נשמות אייערע!, וואָס טוט איר?

רחמיאל:

(בלייבט אַ מינוט ווי געפּלעפט, לאָזט זיך דראָענדיק אין מאָנישעס זייט, נאָך אים טשערמאַק און ברייטער) דאָס האָבן מיר, אַ? מיר האָבן עס אונדזערע נשמות פאַרקויפט? איר האָט נאָך די העזה צו וואַרפן אַ חשד אויף אונדזערע פרײַנד?! (ווייזט אויף די פויערים)

טשערמאַק:

(דראָענדיק) בעט זיי איבער, אויסוואורף איינער!

צווייטער פויער:

(צו עטקען) וואָס זויל ער, אָט דער פּאָן? ער איז נישט קיין אַנ־דזשעריקער?

(עטקע רעדט צו אים היציק, שנעל)

צווייטער פויער:

(שאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין) לאָזט אָפּ, וואָס ווילט איר פון אים? זוו האָט איר געזען, אַז אַ האַנט זאָל בעטן מחילה ביי אַ מענטשן?! זאָל ער — ס'איז דאָך אוודאי זיין פּאַך אזא. ווי לאַנג נאָך וועט ער בילן...

מאָניש ציט זיך פּאַרזיכטיק צוריק, פאַרשווינדט. שמיל הויבט אָן אָפּצוגיין, בלייבט שטיין. ס'לויפט אַריין אַ צעהיצטער נפתלי, רופט אויס סיקענדיק: „קנעפּלעך!". מאַכט מיט די הענט אין רחמיאלס זייט. פון אַ צווייטער זייט לויפט אָן דער ערשטער, נאָך אים דער צווייטער ציַיטונגס־פאַרקויפער, רופן אויס וואָרענענדיק: „קנעפּלעך". אַלגעמיינע צעטומלונג. רחמיאל ווינקט צו די פויערים, וועלכע צע־גייען זיך אין פאַרשידענע זייטן. דער עולם צעגייט זיך אין די אָרו־מיקע געסלעך.

אויף דער סצענע בלייבן דריי האַלב־אָנגעפּילטע זעקלעך, אַרום זיינען אָנגעוואָרפן קאַרטאָפל.

סיקומט אָן פאָרזיכטיק ז א ר ע מ ב א, האַלט זיך ביי דער זייט פון די מויערן. גייט צו צו די זעקלעך. עקבערט מיט שאַרפן בליקן דעם אַרום. נעמט אַ קאַרטאָפל אין דער האַנט, וואַרפט עס עטלעכע מאָל אונטער אין דער הויך. לאָזט זיך אין דער זייט פון דער בערזע. סיקומט אים אַנטקעגן מ ו ל י ק, וועלכער פירט דעם צווייטן פויער.

זאַרעמבאַ:

אַ, אַ, אָט דאָס איז ער יעס דער גאַכט־הענדלער! (איראָניש, ציילנ־דיק יעדעס וואָרט) ווו זיינען דיינע שותפים, חבר דעלעגאַט פון אַרבעטנדיקן פויערטום?

צווייטער פויער:

(תמעוואטע) כע... כע... מיך מיינט איר? אַפּגעלייזט פאַר דעם ביסל סחורה און אַ היים.

זאַרעמבאַ:

אָפּגעלייזט זאָגסטו?! (גיט אַ קאָפּע מיטן פוס אַ זאַק — די קאַר־טאָפל צעשיטן זיך) שיינע באַלעבאַטים! איבערגעלאָזט דאָס פאַר־מעגן — און געלט געוואָרן! (צעשרייט זיך) לייזן דאַרף מען, הערסט, כאַם איינער! אוי, וועסטו לייזן! (צו מוליקן) ווו איז ער? וואָס דויערט עס ביי אים אַזוי לאַנג? זעסט, ווי דאָס האָט זיך צעראַייעט...

סיקומט אָן מ א ל י א ו ו ס ק י, פירט רחמיאלן. פון דער ווייטנס גייען נאָך זיי אַרבעטער, פרויען, קינדער.

זאַרעמבאַ:

קומט, קומט נענטער. אַ נו, ווער איז נאָך אַ בעלן?

דער עולם ציט זיך צוריק. סיקומען אָן פון געסל לאה מיט שרהן. איינע טראָגט אַ זאַק, די צווייטע אַ קויש. זיי בלייבן שטיין. שרה — צעטומלט, נעמט זיך אַראָפּלאָזן אויף לאהס פּלייצע. באַגעגנט זיך מיט רחמיאלס דערמוטיקנדיקן בליק — קומט צו זיך, גלייכט זיך אויס.

זאַרעמבאַ:

(צו רחמיאלן) איז וואָס, פּאַניע אַנעגט פון סאַמע מאָסקווע געקומען?! שוין ווייניק אייך צו פאַרטומלען די לייזיקע זשידאָווסקע קעפּ — איר פאַרנעמט זיך שוין אויף די כאַמעס אויך! ווייטלעך ווילט איר אייער נעץ אויסשפּרייטן. צו קורץ די הענט! אַנו, באַווייזט זיי נאָר. לאָמיר זיי נאָר אָנקוקן. (נעמט אַרויס קייטלעך פון קעשענע, שליסט צו רחמיאלס האַנט צום פויערס. ציניש) אָט אַזוי — אָט דאָס הייסט אַן אמתער בונד צווישן אַרבעטער און פויער. אַזוי, אַ? נו, געגאַנגען!

ביידע קאָנפידענטן שטויסן אונטער רחמיאלן, דעם צווייטן פויער. רחמיאל קוקט דערמונטערנדיק אויף אַלעמען.

פון דעם אַנטקעגנדיקן דאַג שטעקן אַרויס די קעפּ נפתלי מיט די צוויי ציַיטונגס־פאַרקויפער. זיי ציען זיך באַלד צוריק.

עס פליט ארויס און בלייבט הענגען אויף די עלעקטרישע דראָטן, אין מיטן פלאַץ, א קליין, רויט פענדל מיט אַן אויפשריפט „זאָל לעבן“...

אלע פארייסן הויך די קעפּ.

פאָרהאַנג פאַלט לאַנגזאַם

סוף פון ערשטן אקט

צווייטער אקט

3־טע סצענע

א שטעפּער־ווארשטאט. לינקס דריי ניי־מאשינען, איינע הינטער דער אנדערער. אין דער פראָנט־וואנט — א טיר. רעכטס פון דער טיר א גרויסער פענצטער מיט מאָדעלן פון כאָליעווקעס. אויפן סאַמע אויבנאָן שטייען איבערגעקרייצט 2 שטיוול־כאָליעוועס מיט די קעפּלעך אראָפּ. אויבן אויף דער שויב איז אויסגעמאָל'ט:

Warsztat Kamaszniczy
J. Fried

עטוואָס אין א זייט פון דער פראָנט־טיר — א טיש צום שניידן, פון אויבן — א דיק ברעט, מעסערס, א שלייף־שטיין, אָנגעוואָרפענע שטיקלעך לעדער. ביי דער רעכטער וואנט — א טיש מיט מכשירים צום פאלסעווען, קלאפּן און ריכטעווען. הינטער דעם טיש — א טיר, וואָס פירט צו דער וווינונג פונם באלעבאָס.

פארביי דעם פענצטער גייען אָפט אדורך מענער, פרויען, צייטונגס־פארקויפער, גאסן־הענדלער. אין ווארשטאט רייסן זיך אָפט אריין קולות פון גאס.

ביי די מאשינען זיצן ט ש ע ר מ א ק, ב ר י י ט ע ר און ק א ץ. אויף טשערמאקן איז קענטיק די פארגאנגענע 3 יאָר. עס ווארפן זיך דורך גרויע האָר ביי זיינע שלייפן; ברייטער, הגם אין אר־בעטס־מלבושים, זעט אויס פראנטעוואטע, צוגעקעמט, אָפּגעראזירט. קאץ — א דארער, בלייכער, מיט איינצלנע שוואַרצע הערלעך אויף די באקן.

ביים טיש שטייען ש מ י ל און נ פ ת ל י. שמילס רעכ־טער אקסל איז נאָך העכער געוואָרן, דעם קאָפּ, וועלכער האָט אָנ־

געהויבן צו ווערן פליכעוואַטע, האַלט ער נאָך מער אויסגעדרייט. שאַרפע קנייטשן אויפן שטערן. נפתלי — א 19 יעריקער בחור, אויסגעוואַקסן אין די פּלייצעס. הגם אויפן פּנים ליגט ביי אים די זעלבע מילדקייט, ווי מיט דריי יאָר צוריק, האָבן זיך אָבער באַוויזן ביי זיין מויל שטריכן פון פאַרביסנקייט, זעלבשטענדיקייט.

אַלע אַרבעטן.

דורכן גערויש פון די ניי־מאַשינען הערט זיך דאָס ריטמישע געזאַנג פון טשערמאַקן און ברייטערן:

לאָקאָמאָטיוו — פאָרויס, פאָרויס!
דיין סטאַציע איז די קאָמונע.
מיר קענען נישט קיין וועג צוריק —
די ביקס אין האַנט גענומען!

חזרן איבער דעם ניגון, אָן ווערטער. עס הערט זיך בלויז דאָס שטעפּן פון די מאַשינען און דאָס קלאַפּן ביים טיש.

ברייטער:

(רייסט זיך אָפּ פון דער מאַשין, גלייכט אויס די ביינער) נאָר אַזוי, ווי עס זאָגט זיך — „די ביקס אין האַנט גענומען". וואָס טויגן די אַלע ריידערייען. אָן דעם, ברידערלעך, (מאַכט א באַוועגונג ווי אָנצולאָדן א ביקס) וועלן נאָך אונדזערע אייניקלעך מסתמא אויך זיצן ביי פרידן אין וואַרשטאַט, דרייען כסדר מיט די פיס און אין ערגעץ נישט פאָרפאָרן.

נפתלי:

(הייבט אויף אַ רגע די אויגן פון דער אַרבעט, קוקט אויף ברייטערן און שמייכלט, שאָקלט מיטן קאָפּ. נעמט זיך באַלד ווידער צו דער אַרבעט).

שמיל:

(נישט אויפהויבנדיק דעם קאָפּ) און אז ס׳איז נישטאָ די ביקס — אַרבעט מען דערווייל מיט די פויסטן... (קוקט מיט צונויפגעקוועטשטע ברעמען אויף ברייטערן) אַ, ברייטער?

קאַץ:

(שטעלט אָפּ דאָס נייען, פאַרטראַכט זיך א ווייל, קוקט אָנגעשטרענגט אויף נפתלין) כאָטש האַק מיך און ברען — איך קאָן עס נישט

פאַרשטיין! וואָס גייט עס אייך? דער עולם איז אויסגעהונגערט נאָך א לעבעדיק וואָרט — גייט מען הערן א רעדנער, ווער רעדט נאָך פון וואַרשע! ניין, מוזט איר פון אַלץ מאַכן א ווייסטע מערכה. וועמען דינט עס, וועמען?

שמיל:

(הויבט אויף דעם קאָפּ פון דער אַרבעט. אין די אויגן — א כיטרער שמייכל) ס׳הייסט וועמען? דער פּאָליציי! ווי דען אַנדערש? זי וואַרט דאָך נאָר אויף אַזאַ געלעגנהייט.

טשערמאַק:

(האָרט) שוין? אָפּגעפּסקנט? (חוזקנדיק) זעט נאָר, זעט ווי מ׳טראָגט עס זיך אונטער איינער דעם אַנדערן אין די פּיסקעלעך — אַזוי ווי די פייגעלעך! דאָס ארץ־ישראל־ייִדעלע האָט דערלאַנגט שלאָם דעם גלות־קעמפער... (מיט גאל) דער פּאָליציי, וועלכע באַוואַכט אַלע אייערע פאַרזאַמלונגען, ס׳זאָל זיך אהין נישט אַריינבאַקומען קיין נישט געוואונטשענער...

שמיל:

(אויפגערעגט, פּאַכעט מיטן העמערל) האָט איז... דאָס איז געמיין! דאָס איז דעמאַגאָגיע!

ברייטער:

ווי אַזוי זאָגסטו? און איך האָב נישט געוווּסט, אז נעמען אַזאַ מיידל (ציט אויס די ווערטער) אַזאַ גאָלד, ווי עטקע און אַריינזעצן אין תפיסה, הייסט — ווי זאָגסטו? דעמאַגאָגיע!

שמיל:

(צעטומלט) וו—וואָס האָט עס פאַר א שייכות? דו ווייסט דאָך שוין נאַרנישט, וואָס דו רעדסט...

ברייטער:

כ׳ווייס, כ׳ווייס. (אויסשטרעקנדיק דעם גאַנצן קערפּער צו שמילן, רעדט שטיל) איך האָב דאָך אַליין געזען, ווי אייער א באַוווּרקאַזש האָט אויף איר אָנגעוויזן, אז זי, עטקע האָט עס געוואָרפן די בלעטלעך אויף אייער פאַרזאַמלונג.

אַ שווערע שטילקייט. קאַץ נעמט זיך נייען. באַלד — אַלע איבעריקע.

נפתלי:

(נישט אויפהויבנדיק דעם קאָפּ פון דער ארבעט) דעמאַגאָגיע! אזוי? (צו שמילן גוטמוטיק) לאָזט אָפּ, חבר שמיל, מיט די איינגעחזרטע ווערטער. זיי פּאַסן פאר מאַנישן, פאר דעם רעדנער פון וואַרשע. (גלייכט זיך אויס) נו, און איר, ווי מיינט איר? אַט, לאָמיר נעמען, זאָגן איינער פון אונדז, פּשוטע מענטשן, וויל זאָגן א פּאָר פּראָסטע ווערטער, א שטיגער, אז אין דעם פּאַפּירל טאַקע פון דעם רעדנער געפינט זיך נישט קיין זיס צוקערל נאָר — סם. א? זייענען מיר, הייסט עס, די כולינאַטעס, די דעמאַגאָגן און וואָס נאָר אין דער קאָרט שטייט?

שמיל:

א משל! איז דעריבער וואָס? דאַרף מען פארשרייען, אויפרייסן?...

נפתלי:

(פון זיין פּנים פאַרשווינדט די גוטמוטיקייט. רעדט פּאַוואָליע, שטרענג) דאַרף מען שטענדיק און אומעטום זיך אנטקעגנשטעלן... (קליינע פּויזע, ענערגיש) די שונאים!

קאַץ:

קלאָר, וואָס קלאָרער קאָן שוין נאָך נישט זיין. זייענען מיר, הייסט עס, די שונאים!

נפתלי:

(ווייך, גוטמוטיק) לאָזט אָפּ, קאַץ. נישט איר, נישט שמיל. וואָס פאר א שונאים זענט איר? כאָטש רעדן רעדט איר אָפטמאָל ווי זיי. (ענערגיש) דער שונא — ער האַלט אונדז אלעמען ביים גאָרגל, נישט אָפּצואָטעמען...

שמיל:

דאָס פלעג איך דאָך שטענדיק טענהן צו רחמיאלן. איז על כן?

נפתלי:

על כן (שאַרף צו שמילן) איז ווער עס העלפט דערביי דעם שונא איז נישט בעסער פון אים!

שמיל:

דאָס האָב איך שוין אויך ערגעץ ווו געהערט. און אלץ פון רחמיאלן. מער נישט — ער פלעגט עס נאָך צוזאָגן, למשל, מיט „בונדישע באַנדן", „אַגענטן פון קאַפּיטאל"...

קאַץ:

(אין זעלבן טאָן) „פּעצעקישע נאַציאָנאַליסטן", „משרתים פון דער בורזשואַזיע" — עס קערט שוין די גאַל דערפון.

נפתלי:

אזוי? אדרבא, זאָגט אליין — וואָס הייסט עס? (צוזשמורענדיק די אויגן) איך האָב זיך גוט צוגעהערט צו אייערע רעדנער, איך האָב ליב צו הערן. אזא איינער רעדט א שעה, רעדט אַנדערהאַלבן, און אלץ „קריזיס" און „קריזיס". פאַבריקאַנטן פארמאַכן זייערע פאַבריקן. כראַביעס פירן ארויס זייער פאַרמעגן קיין אויסלאַנד. די מלוכה־קאַסע איז פּוסט. איך הער און הער און פאַרשטיי נישט, וואָס טוט זיך דאָ? סך הכל קומט אויס, אז גאָר אויף זיי איז א ביטערער החמנות, אז אויף זיי נאָר האָט זיך דער גאַנצער קריזיס אויסגעלאָזן. נו, און מ י ר ווו זיינען? וואָס זאָלן מיר טאָן? ער איז דאָך, זאָגט ער, א סאָציאַליסט?

בשערמאַק:

אָבער קיין יאָלד איז ער דאָך נישט. ער דאַרף דיר דווקא זאָגן, וואָס צו טאָן? דאַרפסט אַליין פאַרשטיין — ווייבאַלד קריזיס — זיץ רואיק, בעט נישט קיין הוספה, שטרייק נישט!

שמיל:

(אויפגערעגט) דאָס... דאָס איז פּשוט רכילות...

נפתלי:

(אין זעלבן רואיקן טאָן) אזוי גאָר? שאַ, נעם מאַנישן. פארוואָס האָט ער מיך ארויסגעוואָרפן פון פאַריין? וואָסי, כ'בין קיין אַר־בעטער נישט? כ'האָב מאַיאָנטקעס? באשר איך האָב אים געזאָגט, אז ער זאָל ווייניקער זיך זאָרגן פאר פרידן, אז ער זאָל נישט סטראַ־שען מיט אונדזער באַלעבאָס, באשר ער קאָן צומאַכן די בודע, אויב מיר וועלן נישט זיצן שאַ־שטיל. (אויפגערעגט) און מיר ווילן נישט זאָרגן פאר פרידן. מיר האָבן גענוג אייגענע צרות.

(פּויזע, געדריקטע שטימונג)

קאַץ:

(קרעכצט טיף אָפּ) צרות אויפן פּוד... דאָס אלץ נעמט זיך פון אונ־דזער אומגאָרמאַלקייט... נישטאָ קיין גואל, נישטאָ קיין פריינד... שתּאים א ים...

נפתלי:

(קוקט אים פארחידושט אָן) פארוואָס פרעג איך, אַ? פארוואָס האָט מען צעהאקט דעם פאריין? — אַ יידישער באַזונדער, אַ פוילישער און אוקראַיִנישער באַזונדער!

ברייטער:

דו ווייסט טאקע נישט פארוואָס? גיי שוין, גיי! ווייל מיר גייען מיט כשרן פּאָדים און זיי מיט טריפה. נישט אמת, חבר שמיל?

טשערמאַק:

...איינציקווייז, באַזונדער ווילן זיי אונדז אויסדישען. אז נישט דער־לעבן וועלן זיי עס מיט זייערע פאריינען איניינעם!

נפתלי:

(קוקט פארטראכט אָן טשערמאַקן. לייגט אָפּ די אינסטרומענטן) איר ווילט הערן? אַ מינוט בלויז... כ'טרעף אַמאָל מיינעם אַ חבר, אַ שוסטער, אַ פּאָליאַק (מיט אַ לייכטער איראָניע, צו קאצן) איר הערט, קאַץ? — אַ גוי! ער דערפרייט זיך מיט מיר — אַ צייט נישט געזען, פון גרויסן שוסטער־שטרייק אָן. זיין ווייב מיט מיין שוועסטער האָבן עס געטיילט דאָס ברויט. הכלל, ער שלעפּט מיך אויף אַ כוסה. קיין בעלן בין איך נישט דערויף.

ברייטער:

האָסט אים צו מיר געדאַרפט שיקן. עך, ברידערלעך! וואָס ווייסט איר דעם טעם פון אַ רעכטן לחיים...

נפתלי:

(אין פריערדיקן דערציילערישן טאָן) מיר צעשמועסן זיך און מיין חבר ווייסט נישט פון קיין שום משׂשׂות — ער רעדט פאר טויטע און פאר לעבעדיקע. עס איז פשוט געוואָרן אביסל געפערלעך. כ'ווייס, וועער ס'דרייט זיך אַלץ ארום? הכלל — אַלץ פארשטייט ער: אַז די מאכערס פון זיין פאריין זיצען ביי די באַלעבאַטים אויף פענסיע, אַז די פּפּס איז ביי איין קאַריטע מיט די רייכע — דאָס פארשטייט ער. אָבער אַז ביי אייך, יידן, זאָגט ער, זאָלן זיין אַזעלכע אויסוואורפן — דאָס פארשטייט ער נישט. צו דער מלוכה, זאָגט ער, לאָזט מען דאָך זיי סיי ווי נישט צו...

קאַץ:

אָט דאָס איז דאָך עס. פאר פרעמדע האַלט מען אונדז. פרעמדע זיינען מיר. אַ מלוכה, און איינגענע... מיט אַ סטראַטעגישער באַזע...

טשערמאַק:

(פאַלט אים אריין אין די רייד)... מיט אַ יידישן נאַמאָרדניק, מיט כשרע לייצעס...

נפתלי:

אויסוואורפן (צו קאצן) איר הערט, קאַץ? — נישט קיין זשידעס, — אויסוואורפן!

קאַץ:

ווייס איך וואָס. געפונען אַ צדיק אין פעלץ. מ'זעט דאָך טאקע. אַ שטייגער צום ערשטן מאַי, ווען די מעסער־העלדן האָבן זיך אויף אונדז, יידן, ארויפגעוואָרפן...

טשערמאַק:

וועער הייסט אייך גיין באַזונדער? מיט לשנה הבאה בירושלים וועט איר דעם סדר אָפּריכטן, אָבער נישט טרעפן אין ענדרעקישע סעפּ.

נפתלי:

(פארטראכט, ווי ער וואָלט גאָרנישט געהערט) איז ווי מיינט איר, שמיל? אָט איך — איר ווייסט דאָך — קיין רעדנער בין איך נישט... אָבער ווען איך, למשל, ווייל אייער רעדנער דאָס אַלץ צו־זאַמען זאָגן — איז וואָס? בין איך אַ דעמאַגאָג. פאר וואָס? באשר דאָס טעפּעלט נישט מאַנישן? ס'איז נישט לויט זיין פּלאַן?!

ברייטער:

זיין פּלאַן — ווייסט דאָך (זינגט פּאַראָדיעמעסיק) „באַזונדער, באַ־זונדער, די פאָן איז שוין טויט"...

נפתלי:

ווייל דעם רעדנער מיט זיין „ספּעציפיש־יידישן פּראָלעטאַריאַט", מיט זיין „דיאַגנאָז און פּראָגנאָז" איז עס נישט צום הארצן? אין העריבער זאָל דער אמת נישט ארויסקומען? העריבער זיצט שוין רחמיאל דריי יאָר אין תפיסה... און מיין שוועסטער, עטקע...

טשערמאַק:

וואָס פטרסטו דייך אומזיסט און אומנישט. דו זעסט נישט, אַז ס'איז ארויסגעוואָרפן?

נפתלי:

אזוי מיינסטו? און איך מיין, אַז מיר טוען, אַז מיר ליידן, אַז מיר זיצן אין תפיסה פאר אונדזער אלעמענס זאך, אַז מיר אַלע... (רייסט איבער אין מיטן).

פון דער פראָנט־טיר קומט אָן מיט א פעקל יוכט אונטערן אָרעם דער באלעבאָס פריד — א פולבלעד־קיילעכדיקער ייד, קליין־געוויקסיק, מיט שנעלע באוועגונגען. ציכטיק, אָבער אלטמאָדיש געקליידט. אַקוראַט צוגעשוירענע וואָנצן, אַ גרוילעך קורץ בערדל. אלע נעמען זיך פלייסיק צו דער ארבעט.

פריד:

(לייגט אוועק דעם יוכט אויפן טיש, טוט אויס דעם מאנטל, שארפט דאָס מעסער) יעך, איז עס א יקרות! עס ברענט ווי א פייער. שוין נישט קיין מארקן — זלאָטעס און די פרייזן זיי האלטן שטענדיק אין איין וואקסן. פארקויפסטו וואהע — איז שלעכט, ווייסט עס מאָרגן נישט אָפקויפן. פארקויפסטו נישט — איז עס ווידער שלים, ווו נעמט מען די גראָצערס (צעצויגן) א פארדרייטע וועלט!

ביי די לעצטע ווערטער גיט זיך נפתלי א כאפ, פרעגט מיטן ווונק ביי שמילן, וויפל דער זייגער איז; שמיל נעמט ארויס פון וועסטל־קעשענע א זייגערל און ווייזט אים. נפתלי ווינקט זיך דורך מיט ברייטערן.

טשערמאַק:

דאָס טענה איך דאָך, פאניע שעף. ס'איז א וועלט — נאָר צו נעמען מיט א פלעדערוויש, זי צונויפשארן אויף א הילצערנעם חמץ־לעפל און ברענען זאָל זי מיט א העליש פייער!

בעת מעשה לאָזט זיך ברייטער צום גרויסן פענצטער, פאָרקעט זיך ביי אים, קוקט זיך אום און באַגעגנט זיך מיט פרידס בליק.

פריד:

וואָס קריכסטו צום שויפענצטער? וואָס האָסטו דאָרט נישט געזען? (באמערקט די איבערגעדרייטע שטיוול־כאָליעוועס פון פענצטער, לויפט שנעל צו, צו ברייטערן) דאָס איז דאָך איינע ווארע אָנשיקע־

ניש! וואָס דרייסטו איבער אלע מאָנטיק און דאָנערשטיק די כאָליעוועס? וואָס געפעלן זיי דיר נישט?

נפתלי ווינקט צו טשערמאקן, גיט אים צו פארשטיין, ער זאָל אָפרופן ברייטערן.

ברייטער:

ווו האָט איר געזען, פאניע שעף, אַז א זאך זאָל שטיין מיטן קאָפ אראָפ? אלץ דארף האלטן דעם קאָפ אין דער הויך. איר זאָגט דאָך אליין — א צעדרייטע וועלט. דארף מען איר איבערקולייען און שטעלן אויף די פיס.

פריד:

הער שוין אויף מיט דיינע זאָלדאַטישע אנעקדאָטן. א שאָד צייט. די ארבעט ווארט נישט. (קוקט נאָך אמאָל אין פענצטער — באמערקט פון יענער זייט פעליען, וועלכע האָט זיך אָפגעשטעלט) נפתלי, הערצליכע גריסע! מיר דוכט זיך, אַז דיין פרוילין ווארט שוין ווידער אויף דיר. נו, האָבן זיי געזען זאָ איין וועלט? איין פרוילין זאָל קומען אויף ראנדעוועו אין ווערקשטעל, אין דער ארבעטס־צייט! (צו נפתלין, וועלכער דענערווירט זיך, הויבט נישט אויף דעם קאָפ, ווען פריד רעדט צו אים, קוקט אָבער ארויס אין גאס, ווען דער באלעבאָס זעט נישט) זאָג נאָר, איז [illegible]ן פרוילין פיליכט איינע בעקערין?

נפתלי:

(מיט א געמאכטן שמייכל) וואָס פאלט אייך איין, באלעבאָס. (עס הערן זיך פון גאס עטלעכע אויסגעשרייען פון צייטונגס־פארקויפער. נפתלי ווערט נערוועזער) א בעקעריקע גאָר!

פריד:

ווארום דען דרייט זי זיך ארום אין מיטן העלן טאָג אָנע באשעפטיקונג? אין די אָוונטן איז זי, ווייזט אוים פארנומען. (ווינקט כיטרע) זי מאכט פיליכט די ראָשטשינע, וואָס? (שניידט די פעל־לעדער, רעדט אָנגעשטרענגט) איך האָב מורא, דאָס פון דיזען טיפ וועט קיין ברויט נישט זיין (גלייכט זיך אויס מיטן מעסער אין האַנט, ענדערט דעם טאָן, שטרענג) איך וויל נישט! איר הערט? איך וויל נישט, אַז ביי מיר אין ווערקשטעל זאָלן זיך דרייען זייטיקע מענטשן. געפינען זיי זיך בעסערע לאָקאלן פאר אייערע ראנדעוווען.

ברייטער:

ווו, א שטיינער? ביי זשאַרזשן?

פריד:

יא, ווארום דען נישט? איך וואר אויך געווען איין סאָציאַליסט.

ברייטער:

(פריילעך) בימי פראַנציאַזוּף הראשון...

פריד:

יא, איז וואָס? האָבן מיר געוווּסט, אז אלע פּרייטיקצונאכטס טרעפן מיר זיך ביים טעלן ועליען אין ביר־האלע...

ברייטער:

(מיט א געמאכטער פאראינטערעסירונג) נו, נו, און וואָס פלעגט איר דאָרט אויפטאָן?

פריד:

וואָס הייסט, וואָס? וויר האָבן געטאָן אלעס, וואָס מען ברויכט, וויר האָבן געשפּראָכן איבער דעם סאָציאַליזמוס, איבער דעם ציוניזמוס, וואָס נישט? וויר האָבן געזונגען לידער, זייער פּיל לידער האָבן מיר געזונגען. עך, ווארען עס געזינגע! נישט אזעלכע, ווי די הייִנטיקע — ווארע, קעמפערישע.

ברייטער:

אזוי? וואָס פאר א לידער זיינען עס געווען?

פריד:

(קוקט אים שאַרף אָן, באַמערקנדיק ברייטערס חוזק־טאָן) א סוף, א סוף, קלוגער יונג איינער! (נעמט זיך שניידן דעם יוכט און פאַמעלעך פריער אונטער דער נאָז, שפּעטער העכער — זינגט. ביי די לעצטע סטראָפן העלפט אים שמיל צו)

עס פארבלענדעט די אויגן
דער רעגנבויגן.
די רייכע זיי רעדן זיך איין,
אז גאָט האָט געשוואָרן
אויף אייביקע יאָרן,
אז ס'וועט שוין קיין מבול נישט זיין.

איר זאָלט נישט מיינען
איר הערשער אין קרוינען,
אז אייביק וועט איר זיין אזוי רייך!
מען וועט אייך נישט שענקען,
איר וועט עס אויסקרענקען —
א מבול עס קלייבט זיך אויף אייך.

די, וואָס לעבן אין נויטן,
זיי וועלן זיך גרייטן,
זיי וועלן בויען א קאסטן פאַרוים.
איר וועט קומען זיך בעטן,
מ'זאָל אייך אויך רעטן,
נאָר שרייען וועט מען אייך — ארויס!

פריד חזרט איבער מיט פארקוועטשטע אויגן די לעצטע ספּראָפע. נפתלי דרייט זיך נערוועז, ווינקט צו ברייטערן, וועלכער באַרואיקט אים.

ברייטער:

(מיט א זיפץ) אך, וואָס פאר א וואונדערבארע לידער! דאָס זיינט באמת ווארע סאָציאַליסטישע געזענגע! (ערנסט) אָבער דער מבול, באַלעבאָס, האָט זיך עפּעס צו לאַנג פארהאַלטן, און מיר מוזן נאָך אַלץ מאכן כאָליעוועס פאר אייך (רופט אויס הויך) לייוונט, באַלעבאָס, לייוונט. ס'נישטאָ מיט וואָס צו ריכטעווען!

פריד קוקט זיך ארום און אויסגעלאָשענער. גייט פאמעלעך אַרויס מיט דער טיר צו זיך אין דער וווינונג.

נפתלי כאפט זיך צו צום פענצטער, דרייט איבער די שטיוול־כאָליעוועס, גייט צוריק צום טיש, קוקט אומרואיק צו דער גאס־טיר.

עס הערן זיך ווידער עטלעכע אויסגעשרייען פון ציַיטונגס־פארקויפער.

נפתלי:

(אָנגעשטרענגט) עפּעס האָט געמוזט געשען.

ברייטער און טשערמאַק קוקן אים פארוואונדערט אָן. זיין אומרו גיט זיך זיי איבער.

טשערמאַק:

אפשר וועל איך זיך אַוועקשטעלן פארן טיר.

נפתלי:

צו וואָס? זי ווערט אליין דערזען... (ווינקט אין דער זייט פון פענצ־טער) אז מ'קאָן שוין, זאָל עס נאָר דעם באלעבאָס נישט אָנטראָגן צו גיך.

פארן פענצטער באווייזט זיך ווידער פעליע. ברייטער, טשער־מאק כאפן זיך פון די ערטער. שמיל קוקט זיי נאָך מיט א זייטיקן בליק, נעמט זיך ענערגישער צו דער ארבעט.

נפתלי:

(צו ברייטערן און טשערמאקן מיט א האנט־באוועגונג, זיי זאָלן זיך אומקערן אויף זייערע ארבעטס־פלעצער) וואָס באאומרואיקט איר זיך. לאָזט עס מיר. ס'איז מיין זאך.

שמיל:

(שטיל, מיט פאָרוואורף) „דיין זאך". און מיר ווילן נישט לידן פאַר קיין פרעמדע זינד.

טשערמאַק:

(אויפגערעגט, דראָענדיק) האָסטו די ברירה! סיידן דו ביזט שוין א שותף נישט בלויז צו פרידס סאָציאַליזמוס, נאָר צו זיין וואר־שטאט אויך.

סיקומט אריין פעליע. מיטעלער וווקס. א בלאס, דראָבנער פנים. באשיידן אָנגעטאָן. האלט א ביכל אונטערן אָרעם. א האנט־בייטל אין דער צווייטער האנט. ביים אריינקומען וואַרפט זי אן אָנגעשטרענגטן בליק, באלד ענדערט זי דעם אויסדרוק פון פנים, אויף וועלכן עס באווייזט זיך א העפלעכקייט־שמייכל. באגריסט אלעמען מיט א „גוט־מאָרגן". גייט צו צו נפתלין, דערלאנגט אים די האנט. נפתלי פארהאלט זי ביי זיך. קוקט מיט אומרו אין אירע אויגן. אלע ארבעטן. טשערמאק וואַרפט פון צייט צו צייט א בליק אויף דער טיר פון דער וווינונג פון באלעבאָס. ברייטער קוקט אויפן פענצטער און אויף דער גאַס־טיר.

נפתלי:

(מיט א געדעמפטער שטימע) עפּעס איז געשען, פעליע?

פעליע:

וואָס אזוינס? (מיט געמאכטער רואיקייט) פשוט זיך פארבענקט נאָך דיר.

נפתלי:

(לאָזט אראָפּ די אויגן, דריקט פעליעס האנט) זאָג! איך ווייס... נאָך איידער דו ביסט אריינגעקומען, האָב איך געפילט. וואָס איז געשען?

פעליע:

(נעמט צו די האנט) מ'האָט היינט אין אוניווערזיטעט־פראָסעקטאָריום געבראכט א שרעקלעך־צעקאַליעטשעטן מת.

נפתלי:

(צאַפּלט אויף) ווער איז עס געווען?

פעליע:

(גלייכגילטיק) וואָס ווייס איך? און גראָד האָט דער פּראָפעסאָר מיך געהייסן מאכן די סעקציע... בר...רר (טרייסלט אויף) ער שטייט מיר כסדר פאַר די אויגן.

נפתלי:

(און אנטוישטער. רעדט נערוועז) פארוואָס זאָגסטו מיר נישט? ס'איז דאָך א שאָד יעדע רגע.

פעליע:

(מיט א געמאכטן שמייכל, רעדט שטיל, זייער געלאסן) קוק מיר, טייערער, גלייך אין די אויגן. אָט אזוי רואיק, ווי איך וועל דיר דערציילן, זאָלסטו הערן און שווייגן. גוט?! (פליסטערט) ס'איז גע־שען...

נפתלי:

(אויפגערעגט) זאָג־זשע, וואָס איז געשען?

פעליע:

ווו איז דיין וואָרט? כ'האָב געמיינט דו וועסט זיין רואיקער. ווו איז דיין רואיקייט? (רעדט נאָענט ביי זיין אויער) הער זיך איין: דער פּראָוואָקאַ־טאָר צעכנאָווסקי...

נפתלי:

(צינדט זיך אָן) דאָ, ביי אונדז?

פעליע:

(איינגעהאלטן) רואיק, חבר. (נאָך א קליינער פויזע) ניין, אין וואַר־שע. מען האָט געשאָסן אין צעכנאָווסקין...

נפתלי:

(מיט ברייט־צעעפנטע אויגן און קוים איינגעהאלטענעם געשריי) אזוי! ענדלעך! (שטילער) איך האב געוווסט — ווי דען? לאָזן לעבן דעם אויסוואורף, ער זאָל אונדז נאָכאַנאַנד טרעטן אויף די פיענטעס! פעלינקע (כאפט זי פאר דער האנט, דריקט זי צו זיך)

פעליע:

(מיט א גענודערטער שטימע, אין וועלכער עס רייסן זיך דורך טרויער־טענער. באפרייט פאמעלעך איר האנט) אן אומגליק איז געשען.

אלע, אויך שמיל און קאַץ — הערן זיך אָנגעשטרענגט צו.

נפתלי:

(ארויסקרעכצנדיק) אן אומגליק?! וואס הייסט?

פעליע:

דער פּראָוואָקאַטאָר לעבט. די קויל האט אים נישט געטראָפן...

נפתלי:

(אָנגעשטרענגט, ווי פארשטארט) ער לעבט? ווי אזוי איז דאס מעגלעך? שיסן און נישט טרעפן? ווער, ווער טוט עס אזוי? (פארצווייפלט) פארוואס האט ער זיך אונטערגענומען...

פעליע:

(שטרענג) משפט נישט! דער שונא קלויבט זיך זיי צו משפטן...

ברייטער רייסט זיך ארויס פון הינטער דער מאשין. בלייבט שטיין. קוקט אָנגעשטרענגט אויף פעליען.

נפתלי:

(שטיל) ווי אזוי איז עס געשען? מ'האט אים געכאפט?

פעליע:

(בארואיקט) דריי זיינען זיי געווען. און יעדער איינער איז געגאנגען מיט דער זיכערקייט, אז ער וועט טרעפן אין סאמע קאפ פון פּראָוואָקאַטאָר.

טשערמאַק:

אזש דריי? און נישט געטראָפן?

פעליע:

דריי. היבנער, רוטקאָווסקי, קניעווסקי — און יעדער פון זיי האט געצילט... (נאָך שטילער) און ער, דער פּראָוואָקאַטאָר לעבט...

נפתלי:

(ווי ער וואָלט זיך ערשט געכאפט — אנטשיידן) וועט ער נישט לעבן! (העכער) ער וועט נישט לעבן, זאָג איך אייך!

פעליע:

מ'דארף זיי ראטעווען, איר פארשטייט? (צו נפתלין) ס'איז דאָך היבנער — פון דער סאמער פראָנט־ליניע... נאָך פון פינפטן יאר... און רוטקאָווסקי, קניעווסקי — יונגע, אזוי ווי מיר. (פויזע. בייגט זיך צו נאָענט צו נפתלין, פליסטערנדיק, האַרט, באַפעלעריש) אומעטום רופן מיר מאסוועקעס. זעקס אזייגער — ביי די העטמאַנוואלן... קורצע שטרייקן, פאָדערן באַפרייען זיי. (בייגט זיך צו נעענטער צו נפתלין) זשורזשאראַק האט אָנגעזאָגט — דו ביסט פאראנטוואָרטלעך פאר לעדער (ווארפט אויף אלעמען אן אנטשלאָסענעם, אָנגעשטרענגטן בליק. הייבט אָן פאמעלעך אוועקצוגיין, א פארטראכטע אין זיך. אלע בלייבן ווי פארשטארט. פון דער טיר קערט זיך פעליע אום צו נפתלין) איך האב דיר געבראכט „צעמענט" — (גיט אים דאָס בוך) וועגן דאשען, געדענקסט? איך האב דיר דערציילט, א הארטע געווען... (באגעגענען זיך מיט די בליקן, פעליע געזעגנט זיך מיט אַלעמען „א גוטן טאָג, חברים".)

ברייטער:

(ווי צו זיך) א זעלנער, און אויסגעדינטן זעלנער האט מען באַדארפט. שיסטו — איז געטראָפן!

שמיל:

(פאָרזיכטיק, מיט איינגעהאַלטענעם סאַרקאַזם) ווו זועסטן דאָ טרעפן, ווו? אז א פּראָוואָקאַטאָר זיצט אויף א פּראָוואָקאַטאָר...

טשערמאַק:

(אויפגערעגט) הער נאָר, דו, קעמפער איינער, וואש זיך ס'מויל אויס. האסט דאָך געהערט (סודותדיק) היבנער, רוטקאָווסקי, קניעווסקי... נו, און... איך, און ער, און מיר — מיר זיינען דאָך אין די טויזנטער!

קאַץ:

(מיט א שטילן קרעכץ) טויזנטער קרבנות, איז וואָס? פולע תפיסות איז וואָס? האָט זיך דען עפּעס געענדערט? אייך פּראָוואָקאטאָרמער — איינער — ווייניקער...

משערמאַק:

ס׳קלאַנג־מוטערל האָט זיך צעפּישטשעט. באַהאַלט דיין קרעכצעניש פאַרן כותל מערבי. ביי אונדז טוט מען.

ברייטער:

ווי דען! היבנער, דוטקאָווסקי, קניעווסקי, ענגעל און... (ביילט צו־נויף די פּויסט צוזאַמען מיט א כאַליעווקע).

קאַץ:

מען טוט... מען טוט... וואָס קומט אָבער אַרויס? איר ווילט רק פאַר־לויפן דעם וועג, און די ציים, ווי איר זעט, איילט זיך גאָר נישט.

נפתלי:

(מיט א געדעמפטער שטים, אייליק) וועלן מיר זי אונטעריאָגן. אויף דעם זייגען מיר דאָך! יאָ, מיר איילן זיך, שטאַרק איילן מיר זיך (פּויזע. רעדט שטיל, מיט זיין געוויינלעכער רואיקייט, פאַר־טראַכט אין זיך) אַנחמלט האָב איך עס געלייענט... געווען איז א מעשה־שרייבער — מ׳זאָגט, מיט טויזנטער יאָרן צוריק — דערציילט ער, אַז א גייער האָט געטראָפן אין וועג אַן אַלטן מאַן. מיר איז ער געווען דער גייער, און געוואָלט וואָס שנעלער צוקומען צו א מענטשלעך הויז, פרעגט ער ביים אַלטן: „ווי ווייט איז פון דאַ־נעט צו א ישוב?“ ענטפערט אים דער אַלטער מאַן: „גיי!“ חידושט זיך דער מענטש און פרעגט נאָכאַמאָל: „ווי ווייט איז פון דאַנעט צו א ישוב?!“ און דער אַלטער, אַזוי ווי פריער, ענטפערט אים קאַלטבלוטיק: „גיי!“ פאַלט שוין דער גייער אַריין אין כעס און צעשרייט זיך אויפן קול: „ביסט חסר־דעה? אפשר מאַכסטו פון מיר גלאַט חוזק, אָדער דו ווילסט בכלל נישט ענטפערן?!“ און דער אַלטער, אַזוי געלאַסן, ווי פריער, ענטפערט אים צום דריטן מאָל: „גיי!“, און נאָך א הגע שווייגן גיט ער צו: „אַז דו וועסט גיין, וועל איך ערשט וויסן, ווי ווייט עס איז פאַר דיר דער ישוב. וועסטו גיין קרעפּטיק, שנעל — איז דער ישוב גאָר־גאָר נאָענט. וועסטו פלאָנטערן מיט די פיס — איז ער זייער ווייט... (קוקט אויף אַלע־מען מיט אויפגעפלאַמטע אויגן. צו קאַצן — מיט כעס) פלאָנטערט זיך נישט צווישן די פיס! איר זעט דאָך, ווי מיר גייען...

פאַרהאַנג פאַלט שנעל

4־טע סצענע

דאָס זעלבע בוידעם־שטיבל, ווי אין דער ערשטער סצענע. ציכטיק. אויפגערוימט, דער פענצטער פאַרצויגן מיט א ווייס פאָר־האַנגל. אויף דער ניי־מאַשין ליגן נישט פאַרענדיקטע קליידער. אויפן עק טיש — א פרעסל. ביי דער וואַנט, אונטערן שפּיגל — א קליינע עטאַזשערקע. אויף דער אויבערשטער פּאָליצע — עטלעכע ביכלעך, אויף דער אונטערשטער — טעצלעך, גלעזער, פּאָרצעלייע־נע טעפּעלעך.

די קאָלדרע אויף דער פראָנט־וואַנט איז אָפּגעדעקט, דאָס בוידעם־טירל — אָפן. פּיאָטר שטייט איינגעבויגן איבער דעם טירל.

פּיאָטר:

(רעדט אַריין אין בוידעם) נו, משוויניעק, עס קומט עפּעס אַרויס?

נפתלי:

(פון בוידעם אַרויס) ס׳מוז אַרויסקומען.

פּיאָטר גלייכט זיך אויס. שפּאַנט איבערן צימער. בליקט אַרויס דורכן פענצטער. דרייט זיך אויס. גייט צו צו דער עטאַזשער־קע, באַקוקט די ביכער. חידושט זיך. נפתלי קריכט שטיל אַרויס פון בוידעם, אַן אויסגעשמירטער אין קאַלך. דערזעט פּיאָטרן שטיין ביי די ביכער, לאָזט פּאַמעלעך אַראָפּ זיין בליק.

פּיאָטר:

לייענסט? געדענק, אָבער מיט טאַלק! דאָ, ברודערקע, דאַרף מען זיך קאָנען פונאַנדערקלייבן. זי העלפט דיר?

נפתלי:

(וועגדט אָפּ זיין בליק) יאָ, דאָס איז אביסל שווערער ווי מאַכן א מעלינע (ענערגיש) ס׳וועט זיין א מעלינע — ערשטע קלאַס!

כאָטש שטעל אוועק א גאַנצע דרוקעריי. כ׳קען האָך דאָ יעדעס מויזן־לאָך. בלויז דער קוימענקערער קריכט דאָ אַמאָל אַרויף. מ׳קען זיך אַראָפּלאָזן גלייך אין שכנישן הויף. אָבער דערצו דאַרף מען זיין א ספּאָרטסמאַן (צעשמייכלט זיך)

פּיאָטר:

אז מ׳דאַרף מאַכן פיס, ווערט מען אפילו אין מיין עלטער א ספּאָרטסמאַן. (נעמט ריי־ניקן נפתליס מאַרינאַרקע) ס׳האָט זיך פּונקט אזוי געמאַכט — דער שוואַרץ־יאַר האָט אָנגעטראָגן צו מיר א קרובה פון דאָרף. קוקט זי מיר אַריין אין טעפּל. כ׳האָב מיר איינגעהאַנדלט אַן איינענע משפּחה־דערפּענסיווע (ביידע צעלאַכן זיך) און האָ ניט זשדזשאַראַק צו וויסן, אז שוין! מיר מוזן זיך נאָך היינט טרעפן. וואָלט ער אַליין בלויז געדאַרפט קומען — איז נאָך א האַלבע צרה. כ׳וואָלט איר שוין ווי נישט איז פאַרהעדעט די ציין. אָבער פּעליע? אַלע אַרום וואָלטן באַלד געוווסט, אז צו מיר קומט א זשידוּווקע... אפשר גאָר א קאַצאַפּקע! (ביידע לאַכן) א שיינער געלעכטער. זשדזשאַראַק איז בייז געוועזן, ווי טויזנט מאַליערעס: ווי קום איך צו כּעמען דיין כאַטע! ווייסט האָך, ווי אָפּגעהיט ער איז...

נפתלי:

(שטיל, פאַרטרוימט) כ׳האָב אים נאָך קיינמאָל נישט געזען.

פּיאָטר:

איז גוט, וואָס כ׳האָב אים חעם פּאַראָל געגעבן. ער ווייסט וועגן דיר, ווי דו וואָלסט אויף זיינע הענט אויסגעוואַקסן.

נפתלי:

כ׳האָב זיך נאָך קיינמאָל מיט אים נישט געטראָפן. מיר דוכט זיך אָבער, אז כ׳וואָלט אים סיי ווי דערקענט. אין יעדער אונדזער אַרבעט פיל איך זיין האַנט. א כּוח ביי אים, אמת?

פּיאָטר:

יאָ, ער איז פון האַרטן צענדליק. אויסגעפּרוווט — אין פייער און אין וואַסער.

נפתלי:

(קוקט אָנגעשטרענגט לאַנג אויף פּיאָטרן. בעטנדיק) פּיאָטר, ער מוז מיך אויסהערן!

פּיאָטר:

(פאַרוווּנדערט) וואָס אַזוינס? וואָס איז מיט דיר, קליינער? (פּאַ־טערלעד־וואַרעם) דו ביסט עפּעס די לעצטע צייט נישט מיט אַלע־מען.

נפתלי:

(מיט לייכטער איראָניע) איז דען ווייניק, אז כ׳בין מיט דיר, מיט זשדזשאַראַקן — מיט וועמען נאָך זאָל איך זיין?(מיט א גענענדער־טער, געדעמפּטער שטימע) ווער נאָך, אזוי ווי דו, ווייסט עס? (פאַרטרוימט) דו האָסט האָך מיר געגעבן אַזאַ גרויס לעבן! (פּויזע, אויפגעלעבטער) ניין, טאַקע, וואָס וואָלט פון מיר געוואָרן, ווען נישט דו? דאָס זעלבע, וואָס פון אונדזער ציג, וואָס ציפּט א גאַנצן טאָג דאָס גראָז ביים מיסטקאַסטן. פאַראַן אַזעלכע, וואָס מיינען, אז דאָס הייסט טאַקע לעבן!

פּיאָטר:

(מיט ברייט־צעעפנטע פאַרחידושטע אויגן) זע, זע מאַליק, ביזט דאָך א גאַנצער פּאָעט געוואָרן!

נפתלי:

א פּאָעט זאָגסטו? (פאַרטראַכט) מיר האָבן א יידישן פּאָעט, אַן אונגחזעריקן, אַן אייגענעם. ווי ס׳דרוקט זיך גאָר אָפּ זיינס א ליד — שרייב איך עס איבער, חזר איך עס אויס, אויף אויסנווייניק. הער, הער פּיאָטר (רעציטירט נישט אַראָפּלאָזנדיק זיינע אָנטציקטע אויגן פון פּיאָטרן):

„און איר האָט מיך א קלייניקן גערופן מיט די הענט,
ווי טאַטעס ערשט געקומענע, ווי טאַטעס נאָענטע ליבע,
און כ׳האָב זיך צוגעהערט, און כ׳האָב זיך פאַרגעדענקט
די ווערטער: — „מאַלאַדיעץ", „טאָוואַרישטש" און
„ספּאַסיבאָ".

(וואַרט עקשנותדיק אויף פּיאָטרס וואָרט) אזוי ווי ער וואָלט דיך און מיך געקענט!

פּיאָטר:

(נשתומם) זע, זע, ווי קומט עס טאַקע?

נפתלי:

(א צופריזענער) האָסט זיך דערמאָנט?! אקוראט, ווי ער וואָלט דאָן — מיט וויפל יאָר צוריק? — אתדז נאָכגעגאנגען און אונטער־געהערט. געדענקסט? האָסט מיך נאָכן טויט פון מיין טאַטן ארויס־געפירט פון שטוב אויף צום ערשטן מאָל דיין מעשה דערציילט. גע־דענקסט? איך וועל עס שוין קיינמאָל נישט פארגעסן... (פאַר־טראַכט) האָסט מיך פאַרן האַנט גענומען, ווי א קליינינקן. און איך... איך האָב פלוצעם אויפגעהערט צו פילן, אז כ׳בין גע־בליבן א יתום!

פיאָטר:

הערסט, חכם איינער, אָט דאָס האָב איך דאָך טאַקע געוואָלט.

נפתלי:

(שאָקלט אומבאשטימט מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט פיאָטרס רייד אינ־גאַנצן נישט געהערט) כ׳וועל עס אויפן גאַנצן לעבן פארגעדענקען... (רעדט אייליק) פּיזדעט אן אָפּטייל ארבעטער, זעלנער. איר גייט איינ־נעמען די פּאָטשט אין פּעטראָגראַד. א באַפעל האָסטו באַקומען — פון דער סאָוועטער רעוואָלוציע. און אָט ביסטו געקומען אין שטאַב (פיאָטר פאָרשט נאָך יעדע באַוועגונג נפתליס, שאָקלט באשטע־טיקנדיק מיטן קאָפּ) שטעלסט זיך אַוועק, גיסט א קלאַפּ מיט די שטיוול־אָפּצאַסן, ביסט גרייט צום ראַפּאָרטירן, און... און ס׳קריכט דיר קיין איין וואָרט נישט פון האַלדז. אָט אָ דאָ שטייט סמאָלין און דאָ (ווייזט אויף לינקס) א?

פיאָטר:

(מיטגעצויגן מיט נפתליס האסטיקן דערציילן) ניין, נישט דאָ. רעכטס, אביסל הינטער אים...

נפתלי:

א—האָ! אָט דאָ (ווייזט אויף רעכטס) האָסטו דערזען דיין אַלטן קאַמעראַדן־חבר, יוזעפן! (א צעשטראַלטער, מיט פרייד אין די אויגן) און דו שטייסט נאָך אַלץ מיט אַן אָפּגענומענער לשון. גלאָצסט מיט די אויגן. קאָנסט קיין וואָרט נישט ארויסבאַקומען. און דאָ איז צו דיר אזוי אומבאַמערקט צוגעקומען סטאַלין. אזא צעשמייכלטער. גענומען דיך ביי דער האַנט און בלויז דריי ווערטער געזאָגט: מאָ־לאָדיעץ, טאָוואַרישטש. ספּאַסיבאָ!

פיאָטר:

(אנטציקט) זע, זע, וואָס פאַר אַן אייזערנעם זכרון דער יאַט האָט! (דריקט נפתלין צו זיך צו) נו, און ווייטער, ווייטער...

נפתלי:

(קען נישט אָפּרייסן פון פיאָטרן די צעשמייכלטע אויגן, פּאַמעלעך ענדערט זיך זייער אויסדרוק אויף ערנסט, טרויעריקלעך. כאַפּט פלוצעם פיאָטרן ביי דער האַנט) העלף מיר, פיאָטר! אויך דאָס מאָל העלף מיר, אזוי ווי שטענדיק...

פיאָטר:

(פאַרוואונדערט) וואָס איז מיט דיר פאָרט געשען, ייִנגל? דו הייבסט מיר עפּעס אָן נישט צו געפעלן. זאָג... פעליע?... (דרייט זיינע גרויע וואָנצן, מיט געמאַכטער הייטערקייט) דאָ, ברודערקע, קאָן איך דיר גאָרנישט העלפן. כ׳שמיי נאָך אַליין אין שידוכים...

נפתלי:

(מיט אַן אראָפּגעלאָזענעם קאָפּ) וואָס, פעליע? זי איז א געלערנטע... זי ווערט שוין באַלד זיין א דאָקטער. און איך — וואָס?

פיאָטר:

פע. רעדסט פון די ביכלעך ארויס... (שטיל) א קאָמוניסט ביסטו? נו, און זי? אָט האָס זייט איר!

נפתלי:

כ׳ווייס, אז ס׳הארץ פאַלט ביי מיר ארויס, איידער איך רעדט זי אמאָל...

פיאָטר:

(מיט ליבשאַפט) אָט דאָס איז עס דאָך טאַקע!

נפתלי:

(ענערגיש) ניין, נישט דאָס! (פיאָטר קוקט אים פאַרוואונדערט אָן) זאָל מען מיך שיקן קיין וואַרשע! כ׳מוז פאָרן! רעד דו מיט דזשערזשינסקין, נאָך היינט. אָט דאָ. כ׳שווער דיר ביי דאָס הייליקסטע — ביי דער פּאַרטיי! איך וועל אים פאַקן! איך וועל אים פון מיינע הענט נישט ארויסלאָזן...

פיאַטר:

(מיט צונויפגעדריקטע ברעמען, שטרענג) וואָס איז אויף דיר פּלוצעם אָנגעפאַלן? צי זײַנען מיר עס די באַשליסער? וואָס טוט זיך מיט דיר?

נפתלי:

(פאַרצווייפלט) מ׳מוז האָבן. ווי קאָן עס דען אַנדערש זײַן? היבנער, ראָטקאָווסקי, קניעוווסקי... אַלע מוזן דאָך וואָס גיכער וויסן... מיר מוזן פאַרענדיקן — פאַר זיי, פאַר אונדז, ווי איז דאָס מעגלעך? דער פּראָוואָקאַטאָר לעבט און זיי זײַנען אויסגעשטעלט אויפן טויט! און מיר אַלע? ווי איז דאָס מעגלעך, אַז יעדע רגע זאָל עד לויערן אויף זשחושאַראַקן, אויף דיר, אויף פעליען — אויף אונדז אַלע! ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך, אַז אַזויפיל זיצן דאָך, ווערן געפּייניקט. איז ווי? זאָלן זיי נישט וויסן, אַז מיר האָבן פאַרענדיקט?

פיאַטר:

(מיט אַן איראָנישן שמייכל) פאַרענדיקט האָסטו? עך, ברודערקע, אומגעדולדיק ביסטו. צום פאַרענדיקן דאַרף מען... (רייסט פלוצעם איבער)

עס הערן זיך טריט אויף די טרעפּ.

נפתלי, מאָמענטאַל אַ געענדערטער, אַ קאָנצענטרירטער, ווינקט צו פּיאָטרן, וועלכער רוקט זיך אַרײַן אין דעם בוידעם־טירל, אַראָפּלאָזנדיק הינטער זיך די קאָלדרע.

סיקומט אַרײַן לאה, אַן אײַנגעהויקערטע, שטאַרק־פאַרעלטערטע. אויף איר פּנים — טיפע זאָרג. נאָך איר — שרה, בלאַס, אויף איר פּנים — האַרטקייט, עקשנות. זי איז אָנגעטאָן באַשיידן, אָבער אויפגעפּאַסט, מיט געשמאַק. ביידע טראָגן קוישלעך. נפתלי פאָרשט נאָך, אַן אומרואיקער, יעדע זייער באַוועגונג.

לאה:

(צו נפתלין) האָסט נאָך פון דער פרי אָן גאָרנישט געגעסן?

נפתלי:

וואָס איז געשען, מאַמע?

לאה:

זעסט דאָך (ווײַזט אויף די קוישלעך) נישט אָנגענומען קיין עסן אין תּפיסה. פאַר קיינעם נישט — נישט פאַר די ווײַבער, נישט פאַר

די מאַנספּאַרשוינען. (שאָקלט טרויעריק מיטן קאָפּ) זיי ווילן דאָרט אויסגיין, ווי די ליכט. ס׳לעצטע מאָל האָט האָך שוין עטקע אויסגעזען — אַ טויטן ליגט מען אַ שענערן אין דער ערד אַרײַן. און רחמיאל... (קוקט מיט פאַרגלייזטע אויגן אויף שרהן)

נפתלי:

וואָס איז געשען, שרה?

שרה:

(גיט אַ צייכן מיטן פינגער אויפן מויל, ווײַזט אויף דער מאַמען, רופט אָפּ נפתלין אין אַ זייט, רעדט אַזוי, אַז לאה זאָל נישט באַמערקן) כ׳דאַרף נייטיק פעליען. מ׳מוז גלײַך איבערגעבן (נעמט אַרויס פון מויל אַ „גריפּס") מ׳האָט זיי געשלאָגן. רחמיאל... (דרייט אויס דאָס פּנים, ווישט אָפּ אַ טרער, אַ באַהערשטע) אַ סך פון דער קאָמונע זיצן אין קאַרצער... זיי האָבן פּראָטעסטירט...

לאה:

וואָס סודעט איר זיך? וואָס באַהאַלט איר פון מיר?

נפתלי:

(גייט צו איר צו, דריקט זי צו צו זיך) פון דיר באַהאַלטן? מאַמע, פון אונדזערע — פון מײַנע, פון דײַנע, פון רחמיאלס און עטלס — שונאים באַהאַלטן מיר אויס...

לאה:

(וויגט זיך הין און צוריק) אַזויפיל זײַנען זיי דאָ. אַלע, ווי די כּלבים... עפּעס מער ווײַבער ווי אַלעמאָל זײַנען זיך היינט צונויפגעקומען לעבן תּפיסה. אפילו דאָרפישע (נפתלי זוכט שרהס בליק, ווי עפּעס פרעגנדיק) אָבער אַ מאַנספּאַרשוין האָט מען מיט קיין ליכט נישט אָנגעזען. ווײַבער — אַז מ׳נעמט נישט קיין פּעקלעך, האָט מען גענומען שרייען. קולות ביזן הימל. און פון יענערזייט טויער — פון די פענצטער האָט מען אויך געשריגן. האָבן זיי גענומען פּייפן, האַקן מיט די גומעס און שוין. וויפל דאַרפן זיי? (ווײַזט אויף שרהן) זע, זע, די העלדינע. וואָס ביסטו געקראָכן פאָראויס? (צו נפתלין) די פּלייצע איז בײַ איר אײַן שיניאַק. (קלאָגט) פאַרוואָס קומט עס אונדז, רבונו של עולם...

נפתלי:

(סרייסטנדיק) מיר וועלן פאר אלץ, פאר אלץ, מאמע, אפנעמען. זיי וועלן ענטפערן!...

עס עפנט זיך שטיל די טיר. סיקומט אריין זשדזשאראק. א בלאָנדער, העכער פון מיטעלן וווקס, אַן ענערגיש פנים. נעמט אראָפּ דעם הוט, באטראכט אלעמען ארום. שטעלט זיך אָפּ אויף שרהן. זי שטייט אויף, קוקט אים פארוווּנדערט אָן. נפתלי כאפּט זיך — גייט אַנטקעגן זשדזשאראַקן, בלייבט שטיין שווייגנדיק. לאה — דערשראָקן, פינטלט מיט די אויגן.

זשדזשאראק:

(מילד, צו נפתלין) צי קאָן מען ביי אייך באשטעלן א סמאָקינג מיט צוויי פּאָר וויזיט־הויזן?

נפתלי:

(געריזט, ענטפערט שנעל) מיר נייען נאָר פאר מאגאזינען. (ציט אויס די האנט) קומט אריין, כ'בעט אייך.

לאה:

(פינטלט שטארקער מיט די אויגן) וואָס רעדט ער, וואָס? איך פאר־שטיי נישט. ווער נייט דאָ מענער־אנצוגן? בלויז ווייבער־קליידלעך. שרה, וואָס טוט זיך דאָ?

שרה:

(באַרואיקנדיק) זייַ רואיק, מאמע, ס'איז אלץ, ווי ס'דארף צו זיין. מסתמא ווייסט דאָך נפתלי.

נפתלי:

אוודאי, מאמע, כ'ווייס, כ'ווייס. מיר האָבן א גוטן גאסט... (זשדזשאראק שמייכלט צו לאהן, צו אלעמען, קוקט זיך ארום. נפתלי גייט נעענטער צו צו לאהן, נעמט ארויס א מטבע פון קעשענע) קויף עפעס צום עסן. מאמע, וועסט אפשר מאכן א גלאז טיי?

לאה:

(א בארואיקטע) וואָס דארף מען דאָ קויפן? (ווייזט אויף די קויש־לעך) עטקע מיט רחמיאלן האָבן אונדז שוין באזאָרגט אויף היינט און אויף מאָרגן, פאר אייגענע און פאר געסט (קוקט אויף זשדזשא־ראקן, וועלכער ענטפערט מיט א פרעגנדיקן בליק).

נפתלי:

נישט עטקע מיט רחמיאלן האָבן אונדז באזאָרגט, נאָר דער מאָפּר, מאמע. אזוי לאנג, ווי דו האָסט דערמיט צו טאָן! וויפל מאָל האָסטו אליין אויף די צעטעלעך צונויפגעזאמלט ביי שכנים, און דו רעדסט נאָך אקוראט, ווי דו וואָלסט נישט געוווּסט. (קוקט שמייכלענדיק צו זשדזשאראקן, גייט שנעל צו אים צו) זיצט, חבר זשדזשאראק, (ווישט אָפּ א בענקל) פילט זיך, אזוי ווי ביי זיך אין דער היים — דאָ זייַנען אלץ אייגענע.

זשדזשאראק:

(שמייכלט, בייגט זיך אָן צו נפתלין) משוויניעק? (נפתלי שאָקלט באַשטעטיקנדיק מיטן קאָפּ) אַן אייַנפאַל? ס'איז פיאַטים ארבעט. גראָד ביי דיר זיך צונויפקומען! וויפל איך האָב שוין אין דעם אַלטן ארייַנגערעדט. אומפּאַרזייכטיקייט איז א שותף פּנים שונא! און ער... פון אייך זיצן צוויי.

נפתלי:

מיין שוועסטער דארף שוין ארויסגיין... איר מעגט זיין גאנץ רואיק...

שרה:

שוין א צייט, ווי ביי אונדז איז דיין... קיינער קומט נישט. (סרויע־ריק) קיינער נישט. זינט רחמיאל זיצט... (רעדט צו נפתלין, אז זשדזשאראק זאָל הערן) מ'מוז דאָך פון שמאָט זיי העלפן... מ'האָט זיי געשלאָגן... אין קאַרצער אייַנגעזעצט. פארוואָס זאָל מען שווייגן?! (דערלאנגט זשדזשאראקן דעם „גריפּס")

זשדזשאראק:

איך ווייס וועגן דעם. (צו נפתלין) צי האָט דיר פעליע נישט איבער־געגעבן, וואָס מיר טוען? (צו שרהן) גלייבט מיר, חברטע, אז מיר פארגעסן נישט אין זיי אויף קיין איין מינוט. איר זייט געווען ביי דער תפיסה? (שרה שאָקלט אויף יאָ) איר האָט געזען דעם עולם? דאַרפישע זייַנען אויך געווען, א יאָ? (באאומרואיקט) וואָס איז נאָך פיאַטר נישטאָ?

נפתלי:

(איילִיק) ער איז דאָ, חבר זשדזשאראק. מיר האָבן דאָ צוזאמען אייַנגעאָרדנט א מעלינע — נאָך אַן ארויסגאנג, ספּעציעל פאר אייך! ווען זיי וואָלן זיך אפילו אויפן קאָפּ שטעלן... און בכלל — דאָ

איז זיכער. (זשדזשאראַק קוקט אים פאַרוואונדערט אָן) פּיאָטר איז אַ שכן — רעכנט זיך דאָך נישט. פּעליע (זשדזשאראַק כאַפּט אויף אים אַ פאַרשעמטן בליק, נפתלי הייבט אָן צו שטאַמלען) כ׳מיין, זי קומט צו מיין שוועסטער, נייען זיך אַ קלייד... איז דאָך אַלץ אין אָרדנונג. (צו שרהן) כ׳מיין, אפשר וואָלסטו זיך אַראָפּגעלאָזט אונטן, צו אַ שכנטע... אַרויסקוקן צו דער גאַס... אָ, ווי מיינסטו שרה?

שרה געזעגנט זיך אָן ווערטער מיט זשדזשאַראַקן, טוט אָן אויף זיך אַ טיכל, גייט אַרויס.

נפתלי גייט צו צו דעם בוידעם־טירל, קלאַפּט אויס אַ מאָרזע־צייכן. סיקומט אַריין פּיאָטר, באַגריסט זיך מיט זשדזשאַראַקן. זיי רוקן זיך נעענטער צו צו דעם בוידעם־טירל, שמועסן שטיל.

נפתלי גייט פאַרזיכטיק אַהין און צוריק איבערן צימער. לאה זיצט אויפן בעט, באַגלייט אים דערשראָקן מיט די אויגן.

לאה:

(שטיל) נפתלי, זון מיינער... (נפתלי שטעלט זיך אָפּ, זשמורעט מיט די אויגן) ס׳איז דען נישט קיין מורא... (ווייזט אויף זשדזשאַראַקן און פּיאָטרן)

נפתלי:

אַ מורא האָסטו?... (די אויגן פאַרקוקט ערגעץ אין דערווייטנס) זיי וועלן ציטערן... פאַרן אייגענעם שאָטן, וועלן זיי מורא האָבן — וועסט זען, מאַמע, זיי וועלן נאָך פאַרקריכן אין די לעכער, ווי די מייז...

לאה:

(שאָקלט מיטן קאָפּ) ווי איז מיר, כ׳זאָל, חלילה, נאָך דיך פאַרלירן — וואָס בלייבט מיר שוין, וואָס? אַ דריט פּעקל אין תפיסה? מ׳עט דאָך שוין באַלד קיין פּעקלעך נישט אָננעמען... (די לעצטע ווערטער זאָגט זי אַרויס פליסטערנדיק) ווען וועט עס אַ סוף נעמען? נישט קיין לעבן, נאָר אַ...

נפתלי:

(לאָזט זיך אַראָפּ אויפן בעט. רעדט מער צו זיך, ווי צו לאהן) אַ לעבן וועט זיין! דאָס אמתע לעבן, וועסט זען, מאַמע... (רעדט גאָר שטיל, די ווערטער דערגייען נישט).

זשדזשאַראַק:

(פאַרזאָרגט, שטרענג) ...אַזוי איז עס ביי מעטאַל, אַזוי — ביי בוי, ביי די כעמישע, ביי לעדער — אומעטום. וועט עס ווייטער אַזוי גיין, וועלן מיר בלייבן פון הרויסן. פּפּס, בונד — זיי דאַרפן דאָך נישט מער — אַ פּרעטעקסט, כדי די אַלע אונזערע אַרויסצוואַרפן פון די פאַבריקן. און די פאַבריקן האָבן אַרבעטער געבויט. פאַר אָפּגעשפּאַרטע גראָשנס, פאַר אָפּגענומענע ביסנס פון מויל. דו הערסט?! דאָס פאַרגעסט איר אַלע, און שוין צו אָפּט! די פאַבריקן דאַרפן זיין פאַר די אַרבעטער. מיר מוזן — אַזוי זאָלסטו זיי אַלעמען זאָגן — מיר מוזן מיט ציין און נעגל זיך האַלטן אין די פאַבריקן. דאָרט זיינען די מאַסן. און מיר, טאָמער בלייבן מיר בלויז מיט די אייגענע, הייסט עס, אַז מיר בלייבן בלויז מיט אַ קליינעם טייל. טאַקע די בעסטע, די אַנטשלאָסנסטע — אָבער דאָך אַ הייפל. וואָס־זשע קאָנען מיר דאָן אויפטאָן? אויף וועמען לאָזן מיר אַלעמען איבער? אויפן באַראָט פּנים שונא?

פּיאָטר:

(דרייט זיך נערוועז אויפן בענקל, צופּט זיך די וואָנסן. רייבט דעם שטערן) איך פאַרשטיי נישט, וואָס טוט זיך דאָ? דאָס זאָגסטו אַזוי, זשדזשאַראַק?

זשדזשאַראַק:

אַזוי זאָגט די פּאַרטיי!

פּיאָטר:

כ׳פאַרשטיי, כ׳פאַרשטיי. אָבער צוליב אַזעלכע ווערטער — ווי לאַנג איז עס? — האָט מען דאָך פון מיר שיר נישט געמאַכט אַ אָפּאָרטוניסט, אַ נאָכשלעפּער נאָך די אָפּגעשטאַנענע... ביי אַנדערע האָסטו געקאָנט פּועלן, אַז כ׳בין שוין בכלל ערגעץ פאַרקראָ... דער טייוול ווייסט ווו? — (קוקט שטרענג אָן זשדזשאַראַקן) צו נערווען זיינען מיר געוואָרן. ס׳איז נישט קיין סימן פון כוח.

זשדזשאַראַק:

מיר פאַראורטיילן די האַסטיקע נערוועזקייט, ווי דו רופסט עס. זי קומט פון מענטשן, וואָס האָבן זיך פון שטאַם אָפּגעריסן, אָדער זיינען קיינמאָל צו אים נישט געווען צוגעפּעסטיקט. מענטשן, פאַרגלייבטע נאָר אין זיך, פון די מאַסן אָפּגעריסן — ווילן זיי גאָר

דעקרעטן ארויסגעבן. אונדזער זאך וועט אבער דורך קיין שום דעקרעטן נישט קומען. זי דארף מען דערגרייכן מיט די מוחות און הענט פון טויזנטער, פון מיליאנען. דיר דארף איך עס דען דערציילן? ביסט דאך געווען אין רוסלאנד...

פיאטר:

ציַ איך בין געווען! (קוקט זיך ארום, כאפט א בליק און טרעפט זיך צונויף מיט נפתליס בליק) אט נעם מיין פאבריק. דוכט זיך, וואס? וויפל ארבעטן מיר שוין, כדי ארויספירן דעם עולם אין שטרייק? אומגעדולדיקע האבן שוין א צלם געשטעלט, אויף מיר די גאנצע שולד ארויפגעווארפן. עך, ברידערלעך! איר קענט שלעכט אונדזערע מענטשן. אן ארבעטער, פארשטייסט, האט א ווייב, האט קינדער — א משפחה. ער מוז זיך אליין, געניי, פון פריער איבערלייגן. דארף מען אים העלפן. אט דאס איז דער עיקר. און גייט ער שוין טאן — וויל ער פריער וויסן, ווי אזוי, ווו, ווען — דארף מען ווייטער העלפן. א? האט ער זיך אבער גענומען צו דער ארבעט — איז האלט זיך, ברודער! מוירער! איך ווייס עס פון לאנג. איך האב געדולד...

זשהזשאראק:

(מיט אן אויסדרוק פון אומצופרידנקייט אויפן פנים) יא, געדולד, אבער נישט קיין קריכעניש ווידער. ס'איז אן אונטערשיד, דוכט זיך. מיר מיינען אזוי ארום פארשנעלערן אונדזער גאנג, מאכן אים מער וואגיקער, הילכיקער.

פיאטר:

און איך וואס מיין? איך מיין דען פארלאזן זיך אויף נסים? ס'איז קלאר — מ'דארף פארנעמען א פאזיציע, א סך פאזיציעס, כדי זיך צו שלאגן. און מיר וואס? נעם אזא פפסישן יאזשאמבעק, אדער בונדישן מאניש — ווייסט מען דאך — זייער פאך איז שטערן, אפטאן אלע חזירייען, אבי פטור ווערן פון אונדז. און מיר, אזוי ווי די קאפריזנע דאמעלעך — מיר גטן זיך! מיט וועמען גטן מיר זיך? די ארבעטער קומען דאך ווייטער אין פאריין.

זשהזשאראק:

ריכטיק. דארפן מיר דארט זיין, און זיך'האלטן — מיט די ציין און נעגל זיך האלטן.

פיאטר:

יא, מיט ציין און נעגל. פון אינעווייניק, אומעטום. כאטש...

זשהזשאראק:

(פארוואונדערט) כאטש? וואס פאר א באווארעניש האסטו?

פיאטר:

(מיט איראניע) באווארעניש?... גאט באהיט! (ענערגיש) אבער כ'האב עפעס געלערנט אין מיין לעבן. כ'געדענק די יולי־טעג אין פעטראגראד. דער עולם האט זיך רק געריסן צום געווער...

זשהזשאראק:

(צעעפנט אויף ברייט די אויגן) וואס פאר א משל איז עס? פארגאלאפירסט זיך אלטער!

פיאטר:

א משל? קיין שום משל נישט. כ'קען דאך מיינע מענטשן, כאטש ביי מיר אויפן פאבריק. וועגן וואס טראכט מען ביי אונדז? מען טראכט דער עיקר, וואס אזוינס צו טאן, כדי ביי דער נאענטסטער רעדוקציע נישט ארויספאלן מיט א לעצטן ביסן אין מויל. אבער די אונדזעריקע...

זשהזשאראק:

(שאקלט מיטן קאפ, אויסדריקנדיק נאך שטארקערע פארוואונדערונג) וואס — די אונדזעריקע?! זיי זיינען דאך די ערשטע קאנדידאטן אויף צו בלייבן פון דער אנדערער זייט פאבריק־טויער.

פיאטר:

אט, אט, אין דעם טאקע גייט עס! דערפון שטאמט עס ביי זיי די נערוועזקייט, די איילעניש. כאטש גיט זיי שוין געווער אין די הענט! זיי וואלטן אין יולי געוואלט האבן דאס, וואס קאן געשען, ווי לעניןן האט עס פינקטלעך אויסגערעכנט, ערשט אין נאוועמבער. אט איז דער גאנצער משל! (קוקט אן שמייכלענדיק זשדזשאראקן. פארטראכט זיך. מיט א געענדערטן, אנטשלאסענעם טאן) חבר סעקרעטאר, איך וויל, אז דו זאלסט איבערגעבן דעם צענטראל־קאמיטעט...

זשהזשאראק:

(פארוואונדערט) דעם צענטראל־קאמיטעט? וואס אזוינס?

פּיאָטר:

(אין פריערדיקן טאָן) זאָלסט איבערגעבן אין צענטראַל־קאָמיטעט, אַז נאָך היבנערן, רוטקאָווסקין, קניעוווסקין האָט ביי א סך פון די אונדזעריקע צו שטאַרק גענומען ביסן אין די דלאָניעס. אַזאַ איר־נעם וועסטו שוין מיט קיין שטעקן נישט אַריינטרייבן אין פאַריין אַריין, אָדער עפּעס טאָן ביי די אַרבעטפּלאַצן, צווישן פרויען — ער האָלט שוין נישט פון קיין זשמודנע אַרבעט (בייגט זיך נעענטער צו צו זשדזשאַראַקן, ווייזט מיטן פינגער אויף נפתלין, וועלכער כאַפּט אויף זיך ביידנס בליק, ווערט צעטומלט) אָט האָסטו פאַר זיך אַזאַ מין לעבעדיקן עקזעמפּליאַר (שמייכלט) ער בעט ביי מיר א פּראַטעק־ציע צו דיר (צעלאַכט זיך שטיל).

זשדזשאַראַק:

יאָ, איך ווייס וועגן דעם. (דרייט זיך פּלוצעם אויס, קוקט אויף נפתלין, רופט אויס געלאַסן) זייט אַזוי גוט, חבר משווינעק.

נפתלי:

(גיט זיך א ריס, ווי ער וואָלט שוין לאַנג אויף דעם רוף געוואַרט. לאַה הייבט זיך אויף פון אָרט נאָך אים, בלייבט אָנמעכטיק שטיין מיט דערשראָקענע אויגן אָנגעשטעלטע אויף אַלע דריי. זעצט זיך צוריק אַוועק אויפן בעט, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ. נפתלי רעדט, פּלאָנ־טערנדיק מיט די ווערטער) חבר... חבר זשדזשאַראַק! כ'בין גרייט! אָט שוין, די רגע! איך קען מיך נישט. פרעגט ביי פּיאָטרן. ער קען מיך, נישט פון היינט (פּיאָטר קוקט אויף אים גוטמוטיק, צוגעבנדיק אים דרייסטקייט) קיין סך פאַרשטיי איך נישט — ער ווייסט דאָך — כ'בין א פּראָסטער זעלנער (שטרעקט אויס זיינע הענט) א זעל־נער. גלייבט מיר, מיינע הענט וועלן קיינמאָל קיין ציטער נישט טאָן.

פּיאָטר:

(שטיל, צו זשדזשאַראַקן) מיין אַרבעט!

זשדזשאַראַק:

(שמייכלט, א צופרידענער) איז גוט, חבר משווינעק, טאַקע א זעלנער! אַלע זיינען מיר אַזוי — זעלנער פון אונדזער גרויסער פּאַרטיי. יאָ, באַקומסטו טאַקע א באַפעל, פאַרשטייסט? הער זיך צו מיט קאָפּ (נפתלי, אין פולער שפּאַנונג בויגט זיך אָן מיטן קאָפּ פאָרויס) דיך האָט מען דוכט זיך אויסגעשלאָסן פון פאַריין? יאָ?

נפתלי:

(א צעטומלטער, א דעזאָריענטירטער, שאָקלט מיטן קאָפּ) יאָ...

זשדזשאַראַק:

איז אָט — גראָד דיך מאַכן מיר פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן פּוילישן לעדער־אַרבעטער־פאַריין, פאַרן יידישן, און דער עיקר — פאַר דעם, וואָס דו, איר אַלע דאַרפט העלפן שאַפן — פאַרן איינהייטלעכן פאַריין. און טאָן דאַרף מען עס גרינטלעך און שנעל, וואָס גיכער. האָסט פאַר־שטאַנען?

נפתלי:

(צעטומלט, רעדט מעכאַניש) יאָ, פאַרשטאַנען, אָבער...

פּיאָטר:

אָבער? וואָס פאַר אַן אָבער? (מיט לייכטער איראָניע) א זעלנער...

נפתלי:

(שטיל, פאַרצווייפלט) צי האָט דען א זעלנער נישט דאָס רעכט צו בעטן, אַז מ'זאָל אים שיקן אויף דער סאַמער ערשטער ליניע פון פראָנט? (צו פּיאָטרן, בעטנדיק) דו אַליין האָסט דאָך מיר דערציילט, האָסט ביי יוזעפן געבעטן און אָפּגעבעטן, ער זאָל דיך נישט לאָזן ערגעץ מיט, אין הינטערלאַנד, ער זאָל דיך שיקן נאָר אויפן סאַמע פראָנט פון בירגער־קריג...

פּיאָטר:

(פאַרדריסלעך, פּלאָנטערט) יאָ, אַוודאי, וו'הייסט ווי דען? (כאַפּט זיך, טריאומפירנדיק) מיר שיקן דיך טאַקע אויפן פראָנט, אויף דער סאַמער ערשטער ליניע — אָפּשלאָגן ביים שונא זיין ווייכטיקסטע פּאָ־זיציע — געווינען די הערצער, די מוחות...

נפתלי:

(שאָקלט מיטן קאָפּ, פאַרצווייפלט) כ'וועל אַלץ טאָן... אַלץ! אָבער געטרויט מיר. לאָזט מיר קודם אים פּטרן. ער גייט דאָך אונדז נאָך פּוסטראָט. ער לאָזט דאָך אונדז נישט זיך א דיר טאָן!... צעכ־נאָווסקי... דער פּראָוואָקאַטאָר...

פּיאָטר:

(צו זשדזשאַראַקן) וואָס האָב איך געזאָגט? נערוון!

ושהזשאראק:

(רואיק, מיט איראָניע) דיין אַרבעט!... (קוקט פאַטערלעך־וואַרעם אויף נפתלין, נעמט אים ביי דער האנט) דערמאָן זיך חבר משווינעק, א יאָר איז דאָך סך־הכל אדורך — געדענקסט? (הויבט אָן צו רעדן, שטייט אויף פון בענקל, לייגט ארויף זיין האנט אויף נפתליס אקסל. אין מיטן שטייט אויך אויף פיאָטר — אלע דריי קוקן איינער אויפן צווייטן — לאה — מיט דערשטוינונג און דרך־ארץ) „מיר שווערן דיר, חבר לענין, צו היטן ווי אן אויג אין קאָפּ אונדזער פּארטיי".

נפתלי:

(שטיל, פארטראכט) אזוי האָט סטאלין געשווירן...

ושדזשאראס:

פאר אונדז אלעמען! דאָס טייערסטע פאר אונדז, דער זין פון אונדזער גאנצן לעבן — די פּארטיי! זי דארפן מיר אָפּהיטן און איינהיטן.

נפתלי:

יאָ, מיט לייב און לעבן, מיט אלץ!

זשדזשאראק:

(ענדערט דעם טאָן, באפעלעריש) און אָט שיקן מיר דיך, אז דו זאָלסט גיין אָפּהיטן און באשיצן אונדזער פּארטיי!

נפתלי:

(קוקט אים אָן מיט צעצונדענע אויגן) ווי אזוי? כ'פארשטיי נישט, ווי אזוי? איך מיין — קודם כל אָפּהאקן די נעגל ביי יענע, וואָס ווילן אונדז דערשטיקן, פטרן די, וואָס ווילן זיך הערקלייבן צו אונדזער הארץ, צו אונדזערע הענט און זיי אָפּהענטיק מאכן. ווי אזוי באשיצן די פּארטיי, אויב פריער נישט פטרן די פּראָוואָקאטאָרן, וואָס רייסן פון אונדז לעבעדיקע שטיקער?!

זשחזשאראק:

(רואיק, עטוואָס מיט א געהעכערטן טאָן) אָט האָסטו דיר! אז מ'רעדט דעדערט מען זיך. (אָנגרייפעריש צו נפתלין) און דו האָסט זיך פשוט חערשראָקן. פון א פּראָוואָקאטאָר איז אין דיינע אויגן געוואָרן עפּעס א גאנצע הונדערטקעפּיקע בעסטיע. הער זיך

איין, חבר משווינעק, כ'מיין ערנסט — דו מוזט קודם קומען צו זיך. און דו מוזט פארשטיין: מיר זיינען געפערלעך פארן שונא? יאָ, געפערלעך! (נפתלי שאָקלט צו מיטן קאָפּ) ראנגלט ער זיך קעגן אונדז? יאָ, ער ראנגלט זיך. אָט אזוי ווי ער קאָן — חיהש, ווילד, שענדלעך. ער שיקט אריין צו אונדז זיינע פארמאסקירטע אגענטן. מוזן מיר ווערן נאָך מער געפערלעך פארן שונא? אוודאי, זוי דען, צו וואָס דען זיינען מיר? און מיר וועלן עס ווערן נאָר דעמלט, ווען צו אונדזער וואָרט וועלן זיך צוהערן טויזנטער, הונדערטער טויזנטער.

נפתלי:

איך פארשטיי! דאָס פארשטיי איך זייער גוט!

זשדזשאראק:

איז אויסגעצייכנט. טאָ פארשטייזשע אויך, טייערער חבר, אז מיר וועלן שטארקער ווערן, וועט דער שונא ווערן נאָך ווילדער, ער וועט פרווון שיקן נאָך מער שפּיאָנען אין דאָס — אין סאמע מיטן פון אונדזער ארמיי. ער וועט צעברעכן שוואכע, שאנטאזשירן דערשראָקענע. און מיר וועלן זיך באשיצן, מיר וועלן זיך נאָך שטארקער פארטיידיקן, קעמפן אומברחמנותדיק!

נפתלי:

(אנטציקט) אזוי זוי ענגעל, ווי היבנער...

זשהזשאראק:

יאָ, זיכער. אָבער א מויער, א שטענדיקע, א מעכטיקע שוץ־וואנט פאר אונדז, פאר דיין און מיין פּארטיי — דאָס זיינען קודם־כל טויזנטער, הונדערטער טויזנטער פשוטע, ערלעכע ארבעטס־מענטשן. דאָ זיינען מיר זיכער, דאָ וועט פארן סאמע צעיושעטן שונא אויסוואקסן א צוים, דורך וועלכן ער וועט אויף קיין פאל נישט דורכקריכן. האָבט פארשטאנען?

פיאָטר:

וואָס פרעגסטו, וואָס? צי ער האָט פארשטאנען!

נפתלי:

(קוקט מיט גלויביקע אויגן אויף פיאָטרן, אויף זשדזשאראקן) פארשטאנען, אוודאי, דאָס איז דאָך אזוי... דאָס איז דאָך אמת...

זשדזשאראַק:

(אַ צופרידענער) איז גוט. שיקן מיר דיך — גיי, העלף שאַפן די פּאַרטיידיקונגס־ליניע, אַט אַ די שויץ־וואַנט פאַר אונדזער פּאַרטיי!

נפתלי:

(קוקט עקשנותדיק אויף זשדזשאראַקן, ווי אים וואָלט עפּעס אַ געדאַנק געעקבערט) איך, הייסט עס... איך פאַרשטיי, אַז...

(שפּיצט פּלוצעם אָן דעם געהער. גייט אָפּ אַביסל אויף צוריק. אַלע קוקן אָנגעשטרענגט אויף אים. נפתלי — אַ באַרואיקטער, מאַכט מיט דער האַנט צו אַלעמען, זיי זאָלן זיך זעצן) אָן אייגענער.

אַנטשפּאַנונג. סקומט אַריין פּ ע ל י ע, באַגעגנט נפתלין ביי דער טיר, וואַרפט אַ פאַרשעריטן בליק אויף אַלעמען. לאָזט זיך גיין צו זשדזשאַראַקן, קוקט זיך נאָך אַמאָל אום, ווי זוכנדיק אַן אָרט, וווּ אַוועקצולייגן דעם מאַנטל, גייט צו צו לאהן.

פּעליע:

(זעצט זיך צו צו איר אויפן בעט) וואָס מאַכט איר, מומע? געהאַט היינט אַביסל עגמת־נפש?

לאה:

זעט, איר ווייסט שוין? אַלץ ווייסט איר! וואָס איז מיט זיי געשען? וואָס וועט זיין מיט זיי, מיט מיינע קינדער, אָן עסן, אָן זעונגען...

פּעליע:

(פאַרקעט זיך ביי איר האַנט־בייטל. נעמט אַרויס אַ צעטעלע, קוקט אין אים אַריין, ווענדט זיך צו זשדזשאַראַקן און פּיאָטרן) צוויי וואָכן אָן פּעקלעך פון דער פריי, אָן זעונגען, שטרענגע איזאָלאַציע (צו לאהן) ס'איז דען אַ נאָווינע, מומינקע (שלעפּט אַראָפּ דעם בערעט פון קאָפּ, מיד) אפשר קאָן מען, מומע, בעטן ביי אייך אַ גלאָז טיי.

לאה:

אָט, באַלד, טאָכטערקע (קוקט אויף פּעליען מיט ליבשאַפט און באַדויערן) אויף דעם האָבן טאַטע־מאַמע חעם ביסן פון מויל זיך אָפּגענומען, לערנען געגעבן און איצט מאַרנעוועט זי זיך אַזוי.

פּעליע:

(צודריקנדיק לאהן צו זיך) וואָס רעדט איר טייערע, איך מאַרנעווע זיך? טאַטע־מאַמע האָבן מיר געהאָלפן, איך... ס'הייסט מיר ווילן אייך העלפן.

לאה:

(שטייט אויף) נפתלי, וואָלסט געפרעגט ביי דיינע געסט, אפשר וועלן זיי עפּעס נעמען אין מויל אַריין? (גייט צו צו דער פּליטע)

פּעליע הויבט זיך שנעל אויף, גייט צו צו זשדזשאַראַקן. איר פּנים ענדערט זיך מאָמענטאַל, ווערט שטרענג, ערנסט.

זשדזשאַראַק:

נייעס? גוטע אָדער שלעכטע?

פּעליע:

(פאַרהאַלט אַ רגע איר בליק אויף נפתלין, וועלכער בלייבט אַ צעטומלטער) זוּיכטיקע! (אָנגעשטרענגטע פּויזע. פּעליע זעצט זיך צו, קאַלטבלוטיק) אין האָטעל „סאַסקי” האָט זיך געכטן אין אָוונט אָפּגעשטעלט אַ גאַסט...

נפתלי:

(רייסט זיך אַריין אין אַלעמענס שטילשווייגן) נו!

פּעליע:

(דרייט זיך אויס צו אים, קוקט אים אָן מיט געמאַכטער גלייכגילטיקייט, קערט אָפּ דעם קאָפּ צו זשדזשאַראַקן) ער הייסט יוזעף צעלינסקי.

אַנטשפּאַנונג. אַ פראַגע אויף אַלעמענס, חוץ נפתליס פּנים. נפתלי — נאָך מער געשפּאַנט.

פּיאָטר:

איז דעריבער וואָס? עפּעס רעדסטו אַזוי געהיימניש־פול!

פּעליע:

העד ביזן סוף (באַהערשט, רואיק) אין זעלבן אָוונט האָט זיך אין האָטעל, ביי דעם דאָזיקן גאַסט אין צימער באַוויזן דער שעף פון העפּענסיווע פּיאַנטקאָוויטש...

פּיאָטר:

(אָנגעשטרענגט, מיט פאַרוווּנדערונג) וואָס הייסט עס? אַן אַרעסט? ווי קומט אונדזער אַ מענטש אין אַ האָטעל?

פּעליע:

מיר האָבן געטרוי פעסטגעשטעלט: יוזעף צעלינסקי — דאָס איז דער פאַלשער נאָמען פונם פּראָוואָקאַטאָר צעכנאָווסקי!

אלגעמיינע אָנשטרענגונג, אלעמענס אויגן עסן זיך איין אין פעליען, ווענדן זיך שפּעטער פרעגנדיק צו זשדזשאַראַקן. נפתלי — מיט אַן אויפגעעפנט מויל און פלאַמיקע אויגן רוקט זיך צו נענטער צו פּיאָטרן.

לאה:

(איבערגענומען מיט דער אלגעמיינער, אָנגעשטרענגטער שטימונג בלייבט שטיין מיט צוויי גלעזער טיי אין די הענט, דערנענטערט זיך צום טיש) טרינקט, איך בעט אייך, א גלאָז טיי (צו פעליען) טרינק טאַכטערקע.

זשדזשאַראַק:

(באַהערשט, געלאַסן) מ'וועט טרינקען, מומע, א דאַנק, באַמיט זיך נישט. (צו פעליען) טרינק אויס, פעליע. ביסט מיד. (פעליע באַטראַכט אים מיט א פראַגע אויפן פּנים, זשדזשאַראַק מישט פּאַוואָליע מיט דעם טיי־לעפעלע) ביסט דאָ נישט געווען. מיר האָבן זיך דאָ פריער צונויפגערעדט. פאַרוואָס אייננטלעך פאַרשפּעטיקסטו זיך?

פעליע:

(מיט נאָך מער פאַרוווּנדערונג. באַלד באַווייזט זיך א שמייכל אויף איר פּנים) ס'טרעפט אַמאָל... (בייגט זיך נענטער צו צו זשדזשאַראַקן) די מוזט איצט זיין באַזונדערס פּאָרזיכטיק. היט זיך... טאָרסט נישט אַריינפאַלן... מיר דאַרפן באַשליסן...

זשדזשאַראַק:

מיר האָבן שוין באַשלאָסן. פאַרגעדענק: פּיאָטר איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר גאַנץ מעטאַל, פאַר בוי און פאַר די כעמישע. (קוקט אויף פּיאָטרן) ער האָט ברייטע פּלייצעס דער אַלטער, ווי? טשווינעק נעמט אויף זיך לעדער. יאָ? דו וועסט צוקלייבן עמעצן פאַר גאַדל — פון די בעסטע. (גיט א זופּ פון גלאָז) דער באַשלוס פון דער פּאַרטיי איז — טיפער אין די מאַסן! (זופּט די טיי) און מיט די מאַסן — לענין שרײַבט, קענען פּראָוואָקאַציעס, באַשיצן די פּאַרטיי! (טרינקט מיט אַמאָל אויס דאָס גאַנצע גלאָז טיי. צו פעליען) דו שטעלסט איין נאָך צעכנאָווסקין א כסדרדיקן אויסשפּיר. אויף קיין רגע לאָז אים נישט אַרויס פון אויג. האָסט פאַרשטאַנען?

פעליע:

כ'האָב פאַרשטאַנען. מ'מוז זיך איילן. ער איז געקומען עדות זאָגן אויף פאַנטשישינס פּראָצעס. נאָכדעם קאָן ער נעלם ווערן.

זשדזשאַראַק:

ס'איז קלאָר — ביזן געריכט טאָר ער נישט דערגיין! (פאַרטראַכט זיך, אלעמענס אויגן זיינען געווענדט צו אים) יאָ, וועמען גיבן מיר עס איבער?

נפתלי שטייט ווי א צוגעשמידטער, מיט ברייט־צעעפנטע, בעטנדיקע אויגן.

פעליע:

(רואיק) איך האָב דאָך שוין אָנגעהויבן, טאָ...

פּיאָטר:

(אַנטשלאָסן, קאַלט) לאָזט, מיין האַנט האָט אַלעמאָל געטראָפן אין ציל.

נפתלי:

(רייסט זיך דורך צו זשדזשאַראַקן, כאַפּט אים אָן ביי דער האַנט) כ'בין א זעלנער. א געטרייער זעלנער בין איך...

פאָרהאַנג

סוף פון צווייטן אַקט

ד ר י ט ע ר   א ק ט

5־טע סצענע

א ווינקל אין א געדיכטן וואלד. ט ש ע ר מ א ק ליגט אויפן גראָז. דעם קאָפּ האלט ער פאריסן צום זון־אונטערגאנג. אויפן פּנים — טיפע זאָרג. ב ר י י ט ע ר גייט צווישן די ביימער, בייגט זיך אָפּט איין, הייבט עפּעס אויף, גייט ווייטער. ער בלייבט שטיין ביי אן אלטן, ברייט־צעצווייגטן בוים, קוקט זיך אין אים שטארק איין.

ברייטער:

זע, זע — א הארץ און אין מיטן א פייל! (דרייט זיך אויס צו טשערמאקן) ווו דו זאָלסט זיך נישט א קער טאָן — אומעטום דער טויט. א פייל אין סאמע הארץ...

טשערמאַק:

וואָס פלוידערסטו וואָס? ווייסט דען נישט — ס'איז א סימן פון פארליבטע...

ברייטער:

א שיינער סימן, אזא יאָר אויף זיי. קאַליקעס האָבן אים אוודאי אויסגעטראכט. נישט געקאָנט, ווייזט אויס, טרעפן איינער צום אנדערנס הארצן, האָבן זיי פון דערווייטנס, מיט פיילן געוואָלט טרעפן. אין די דאָמאנען טרעפט מען אזעלכע שיסערס, וואָס האלטן אין איין אוי־קען און אייקען — ס'קערט אויס די גאַל פון זיי. זאָלן זיי ביי מיר פרעגן — כ'בין אן אלטער זעלנער. געשאָסן און געטראָפן. (פארטראכט זיך) ס'הערט זיך אזוי... אין ליבע, ברודערקע, איז עס גאָר נישט אזוי... און אז ס'מאכט זיך אמאָל, ס'איז אביסל טרויעריקלעך אויפן הארצן — איז ווער אויקעט עס? הער מיך טשערמאק: ליבע איז — אָ! (מאכט א באוועגונג, ווי ארומצונעמען אלץ ארום און צודריקן צום האַרצן) די גאַנצע וועלט!

טשערמאַק:

(שפּעט אים נאָך) די גאַנצענע וועלט... (שפּייט אויס) מיט אלע אירע שלעק און כאָליערעס, (מיט איראָניע) מיטן פּראָוואָקאטאָר צעכנאָווסקי אין דער מיטן...

ברייטער:

(פּלאָנטערט) כ'מיין. ס'איז נישט אזוי, ווי עס רעדט זיך. מ'דאַרף עס אָבער דערפילן אָט אזוי, ווי איך פיל עס, פארשטייסט? נייסט זיך טרעפן מיט דיין געליבט מיידל. ס'הארץ ביי דיר האלט ביים ארויספאלן. דו וואָלסט אריבערגעהיפּערט גאסן מיט אלץ און אלעמען (לאָזט אראָפּ דעם טאָן. מיט באדויערן) און דאָ מוזטו גאָר האָבן די אויגן אין דער פּאטילניצע — אַ ביין אויג זאָל אויף דיר נישט פאלן... (פויזע) אזוי איז עס, טשערמאק: א לעבן ווי האָלץ — און ס'איז נישטאָ מיט וואָס צו הייצן.

טשערמאַק:

(קוקט אים אָן קרומלעך, מיט פארדאכט) זאָג אָפן — ס'איז דיר שווער אויפן הארצן?

ברייטער:

(גייט צו נעענטער צו טשערמאקן, זעצט זיך לעבן אים אויפן גראָז) און דיר איז גרינג? וואָס מאכסטו פאר אן אָנשטעל? דו האָסט זיך געריכט, אז מיר וועלן נאָכאמאָל זיך דארפן דאָ טרעפן? איך האָב דאָך אים אויסגעלערנט האלטן דעם שפּייער. דוכט זיך — אלץ אין אָרדענונג... ווי לאנג, מיינסטו, קאָן מען עס אזוי זיין צווישן לעבן און טויט? (ענערגיש) הער נאָר, הער — האלטן די חיה ביים סאמע עק און זי ארויסלאָזן א גאנצע פון די הענט.

טשערמאַק:

דו ווייסט שוין אלץ — וואָס און ווען? וואָס באַלבעסטו? קאָנסט שוין קיין רגע נישט צו ווארטן.

ברייטער:

(בייגט זיך נעענטער צו צו טשערמאקן, פארטרוילעך) כ'זאָג דיר דעם ריינעם אמת — עפּעס פארשטיי איך דאָ נישט. און דו? ווי מיינסטו? דעם פּיסטאָלעט האָט פעליע א י ם געגעבן און נישט מיר — אן אויסגעדינטן זעלנער נאָך פון צוואנציקסטן יאָר, אָ? איז דאָס גלאט

אזוי? אָדער... אָדער דאָס האָט אַ שטיקל שייכות מיט... אַט דעם הערצעלע מיט דער פייל אין דער מיט?

טשערמאַק:

(הייבט זיך אונטער, קוקט פארחידושט אויף ברייטערן) גיב זיך נאָר אַ טאַפּ אין דיין פאַרלאָבטשעטן שטערן — דו ביסט, דוכט זיך, אין די הויכע גראַדוסן. אַן אייַנפאַל! נאָר ביי ברייטערן אין קאָפּ האָט געקאָנט אַזוינס אויפקומען. אומעטום זעט ער נאָר פאַרליבטע... נו, יאָ. מ'זעט דאָך. זי האָט אים ליב. וואָס איז דאָ צו ריידן... (כאַפּט זיך פלוצעם) איז על־כן? קומט נאָר אויס ביי דיר פאַרקערט — נאַ דיר אַ פּיסטאָלעט דרשה־געשאַנק! (מיט כעס) הער זיך איין, ברייטער, דו ביזט שוין איבגאַנצן אַראָפּ פון גלייכן וועג. כ'ווייס באמת נישט, נאָך וואָס האָט משוגענע דיך באַדאַרפט אַריינשלעפּן אין דעם גאַנצן עסק. וואָלסט זיך בעסער געטאַנצט אויף אַ ראַנדקע צו דער בלאָנדער, אָדער דער שוואַרצער...

ברייטער:

(מיט צונויפגעדריקטע ברעמען, דראָענדיק) פּאַוואָליע, דו. דיין קאָפּיטע איז צו קליין פאַר מיין כאָליעווקע. מיך שלעפּט מען נישט, דו הערסט! וואָס איז? משוגענע קאָן מיך ערשט פון נעכטן? דוכט זיך, אַז כ'בין פון די ערשטע געווען אין לעדער־קעמערל. נאָך מיט דוח־מיאַלן... ווען ער זאָל זיין, וואָלט ער געוווּסט, וואָס אַזוינס ברייטער קאָן אויפטאָן...

אומבאַמערקט קומט אָן נ פ ת ל י. יומטובדיק אָנגעטאָן. מיט אויסגעפּוצטע שיך, אַ קראַוואַט, גלאַט צוגעקעמט.

טשערמאַק:

און אַזוי, מיינסטו, ווייסט מען נישט ווער־וואָס עס האַרף ביי אונדז טאָן? אַז מ'האָט דווקא באַשטימט נפתלין — מסתמא דאַרף דאָך אַזוי זיין (קוקט כיטרע אָן ברייטערן) קום נאָר אהער נעענטער (ברייטער בויגט זיך צו צו אים) הער מיט קאָפּ: נפתלי, פאַרשטייסט — טאָמער פאַלט ער אַריין — איז וואָס? די ריזיקע איז קלענער. אַ מינדעריעריקער — קיין טויט־שטראָף וועט ער נישט כאַפּן. (נפתלי גייט צו נעענטער, בלייבט שטיין, אַ בלייכער, מיט צעפלאַמטע אויגן, אָנגעשטעלט אויף ביידן) אַזוי, מיין איך, איז עס. אַן אַנדער זאַך איז, ווען איך אָדער דו פאַלן מיר אַריין — דאָ, זעסטו (מאַכט אַ

באַוועגונג איבערן האַלדז) איז דער אָנגעזייפטער קראַוואַט שוין צו־געגרייט.

ברייטער:

(מיט פאַרוווּנדערונג) זע, זע — מיר איז עס גאָרנישט איינגעפאַלן! מיינסט, אַזוי איז עס טאַקע?

נפתלי:

(באַהערשט, ציילנדיק די ווערטער) און איך מיין אַנדערש... (טשער־מאַק און ברייטער שפּרינגען אויף פון אומגעריכטקייט) איך מיין, אַז מ'דאַרף פריער האָבן די אויגן און די אויערן אויף אָן אָרט, וואָרים ס'קאָן זיין צו שפּעט זיך צו חידושן. מ'קאָן אונדז דאָ אַלע, מיט איין מאָל, צוקלאַפּן.

טשערמאַק:

(מיט גאַל) און ווו זיינען עס געווען דיינע אויגן און אויערן? ער איז דאָך לעבן דיר פאַרביינגעגאַנגען. מיר זיינען דאָך אַלע געווען אויפן אָרט און געוואַרט — אָט, און ער איז פאַרטיק. און דו (מיט גרינגשעצונג) דו האָסט אים אָפּגעלאָזן. (אָנגרייפעריש) וואָס ביסטו אַזוי זיכער, אַז צעכנאָווסקי וועט דיר טאָן די טובה און נאָך אַמאָל זיך לאָזן מיטן העלבן ווענג? די שולד וועט דאָך אויף אונדז אַלעמען פאַלן.

נפתלי:

(מיט איראָניע) אויף מיר, מסתמא, צום ווייניקסטן... נישט אַזוי טשערמאַק? כ'בין דאָך נאָך אַ מינדעריעריקער. (זעצט זיך צו אויפן גראָז, קאָפּעט מיטן אָפּצאַס די ערד. כאַפּט זיך פלוצים. מיט איינגע־האַלטענער אויפרעגונג) ס'איז נישט אמת, איר הערט! זוי קומט איר נאָר אַזוי צו טראַכטן? (היצט זיך) צי וואָלט די האַנט ביי מיר זיך געקאָנט נאָר אויפהייבן, ווען כ'זאָל גיין מיט דער אויסרעכענונג, אַז דער שונא וועט צוליב מיינע 19 יאָר מיר נאָר אַ גלעט געבן איבער די באַקן?!

ברייטער:

ווער זאָגט דען? מיר מיינען בלויז, אַז דו קאָנסט גאָרנישט זוימן, ווי אַזוי די זאַך שטייט...

נפתלי:

זאָג, זאָג ביזן סוף. זווילסט זאָגן, אז מ'האָט דווקא מיר געגעבן די ארבעט, און עמעצער וויל זיך אונטער מיינע פלייצעס פארבאַהאלטן. א מינדעריעריקער! אזוי מיינט איר? (אָנגעשטרענגט, פארדאגהט) באטראכט זיך, חברים, וואָס רעדט איר? אזוי טוט דאָך בלויז דער שונא (היציק) דאָס פארשלעפט ער דאָך קינדער, ווייבער, באַהאלט זיך הינטער זיי, כדי אָפּצוזאָגן די סאמע שווידערלעכסטע פארברעכנס!

טשערמאַק:

כ'פארשטיי נישט, וואָס האָסטו זיך אָנגעצונדן? וואָס האָב איך דען אזוינס געזאָגט?

נפתלי:

(מיט ווייַ אין דער שטימע) ס'פארדריסט! לייבלעכע חברים זאָלן אזוי טראכטן וועגן מיר! (לאָזט אראָפּ דעם קאָפּ, פארטראכט) פיאָטר דערציילט, ביי די רוסישע זעלנער איז פאראַן אזא שטייגער: פארן גיין אין אן אטאקע — וואשן זיי זיך ארום, טוען אָן ריינע וועש. (אויפגערעגט) ריין דארף מען זיין! אויך אין די געדאנקען!

טשערמאַק:

לאָז אָפּ, טאָליק. לאָמיר ריידן צו דער זאַך (פלאָנטערט) יאָ... ניין, מאקע, וואָס איז מיט דיר געשען?

ברייטער:

(צו טשערמאַקן) איצט האָסטו שוין קיין געדולד נישט. וואָס ביסטו ווידער פאר אן אויספארשער? ס'וועט קומען פעליע, פיאָטר — וועט מען ארויסלייגן אלץ אויפן ווארשטאט (צו נפתלין) האָסטו ביי זיך דעם פיסטאָלעט?

נפתלי:

(דערשראָקן) וואָס איז דען? (שטייט האסטיק אויף, פארשטעלט מיט דער האנט די הינטערשטע הויזנקעשענע) ווער האָט דיך געהייסן אים אָפּנעמען ביי מיר? (אויפגערעגט, עקשנותדיק) כ'וועל נישט אָפּגעבן, הערסט, כ'וועל קיינעם נישט געבן!

ברייטער:

וואָס טוט זיך מיט דיר, פארשטיי איך נישט. וואָס קאָכסטו זיך! אין אזא צייט, ווי פאלט דיר גאָר איין? איך וויל ביי דיר אָפּנע־

מען? כ'וויל מיר זאָלן אויסנוצן די געלעגנהייט און נאָך אמאָל א פרוּוו טאָן. כ'האָב געפּאקט א גוטן ציל (ווייזט אים אויף דעם בוים מיט דעם אויסגעקריצטן הארץ) זעסט, אין סאמע הארץ — ס'איז א גוטער סימן.

נפתלי:

(שמייכלט פאַרלוירן) נישט איצט, ברייטערל, אז מירן זיך פונאַנדערגיין. (מיט זאָרג אין דער שטימע) פארוואָס איז נאָך פיאָטר נישטאָ? האָסט אים צווויסן געגעבן?

טשערמאַק:

איך אויף דיין אָרט וואָלט זיך נאַרנישט געאיילט צו טרעפן פיאָטרן. ער שיט, — דער אלטער, מיט טויטע קללות.

נפתלי:

(מיט א געמאכטער רואיקייט) איז דעריבער וואָס? אז כ'האָב פארדינט — קומט מיר.

ברייטער:

וואָס הייסט — האָסט פארדינט? איך פארשטיי נישט. וואָס איז מיט דיר געשען?

נפתלי:

(מיט אן אויסדרוק פון פארלוירנקייט אויפן פנים) א חרפה צו דערציילן... כ'בין ארויס אין ארבעטס־רעקל. גלייך פון ווארשטאט. כ'האָב געטראכט — אזוי וועט בעסער זיין. כ'וועל זיך אין די אויגן נישט ווארפן. דעם פיסטאָלעט האָב איך פארשטעקט אין דער רעקלקעשענע. אז כ'האָב צעכנאָווסקין דערזען, הייב איך אָן דעם פיסטאָלעט צו שלעפן. א רגע — און אלץ. און דאָ דערפיל איך, ווי דאָס בלוט הייבט מיר אָן אויסצורינען (פויזע, שטיל) דער שפייער האָט זיך אין הינטערשלאָק פארטשעפּעט (אויף טשערמאַקס און ברייטערס פנים — אויסדרוקן פון אנטוישונג) כ'בין שוין גרייט געווען אָט אזוי, פאר אַלעמען אין די אויגן, צערייסן אויף זיך דאָס מלבוש... צווישן מיר און דעם פראָוואָקאטאָר זיינען אויסגעוואקסן זייטיקע מענטשן. אזוי, ווי אין דער ערד וואָלט ער אריין. (גאָר שטיל) אָט דאָס איז אלץ (ווענדעט אויף ביידן זיינע טרויעריקע אויגן).

משערמאַק:

(באטראכט אים פון קאָפּ ביז די פיס) דערפאַר האָסטו זיך עס הייַנט אזוי אויסגעפּוצט, ווי דו וואָלסט זיך אויף א שמחה געקליבן, אָדער... אזוי ווי די רוסישע זעלנער?

נפתלי:

(צאַפּלט אויף) יאָ, אזוי ווי די רוסישע זעלנער! (פארקלערט. פּויזע. הייבט אָן שטיל) פון קינדהייט אָן איז עס מיר פארבליבן. כ'וועל בייַנאַכט נישט איינשלאָפן, ביז כ'וועל ביי זיך פון פריער נישט האָבן באשטימט, וועגן וואָס וועל איך מיט פארמאַכטע אויגן טראַכטן... א חדר־ייִנגל, ווייס איך, האָב איך געטרוימט וועגן א נייַעם בגד מיט בלויע לאַמפּאַסן און קנעפּ, אזוי ווי ביי די גימנאַזיסטן. שפּעטער — וועגן א שיפס־קאַרט, פאָרן קיין אמעריקע...

ברייטער:

(אין נפתלים טאָן) מאכן א לעבן, האַרײַ — אַפּ, יאָגן דעם זיבעטן שווייס, מאכן א „טאָלער" — אמעריקאַנער גליקן.

נפתלי:

...כ'געדענק א נאכט. די מאַמע איז צו מיר צו א טויט־דערשראָקענע. זי וועקט מיך, מינטערט — כ'האָב זיך צעזונגען, זאָגט זי, פון שלאָף. און דאָס אויף אַן אנדער לשון... כ'געדענק עס ווי הייַנט — דאָס האָט מיר פּיאָטר אויסגעלערנט... (הייבט אָן גאָר שטיל זינגען, מיט געפיל, די איבעריקע כאַפּן אונטער, אָן ווערטער):

סמיעלאָ מי וויבאָי פּאָידיאָם,
זא וולאסטי סאָוויעטאָוו,
אי קאַק אדין אומריאָם,
ווי באָרביע זא עטאָ.

(פּויזע) הערסט משערמאַק (הזורט איבער סקאַנדירנדיק) „אי קאַק אדין אומריאָם" ס'הייסט — אלע ווי אייַנער זייַנען זיי גרייט געווען צו שטאַרבן און וועגן דעם האָבן זיי דאָס שענסטע ליד געזונגען.

ברייטער:

(פארטראכט) וועד ווי ווער — איך ווייס דאָך גוט. זויפל מאָל האָב איך דאָס דאָזיקע ליד געהערט אויפן פראָנט. זיי קאָנען, הערסט, מיט די לידער פּריטשמעליען דעם שונא. א גרויסער גלויבן איז אין זיי!

נפתלי:

אָט דאָס איז דאָך עס! (זינגט פאַר זיך אַליין, נאָך שטילער):

אי קאַק אדין אומריאָם,
ווי באָרביע זא עטאָ.

איר הערט. געווען א נאכט, ווען כ'האָב ז י ך געזען, אָט אזוי, ווי כ'זע א י י ך איצט — צווישן מויזנטער, טויזנטער. מיר זייַנען מיט פאָנען געגאַנגען. צום תּפיסה צוגעקומען. מיר רייסן טויערן. מיר ברעכן אויף טירן — אלע קאַמערן זייַנען שוין אָפן! און גראָד איז אזוי געשען, אז פון דער טיר, וואָס איך האָב אויפגעריסן איז אַרויס עטקע. אזא שייַנענדיקע, אזא ליכטיקע... און אָט וואַרפט זיך אויף מיר רחמיאל... אזוי פיל גליק! (פארטראכט. מיט פרייד אויפן פּנים. זינגט — ווי פריער:)

אי קאַק אדין אומריאָם,
ווי באָרביע זא עטאָ.

(קורצע פּויזע)

ברייטער:

(פאַרטרוימט) אזוי וועט עס זיכער זייַן, גמאָליס. אזוי מוז זייַן! אין רוסלאַנד איז דאָך אזוי געווען...

נפתלי:

(כאַפּט זיך, הויבט אָן פּליסטערן נערוועז) טעכמן האָב איך איינשלאָפן נישט געקאָנט. עפענען די אויגן — אויך נישט. א לאַווינע מענטשן טראָגט זיך און טראָגט פארביי מיר, און אלע יאָגן זיך נאָך אים, נאָך ציעכנאָווסקין! ס'האַרץ, פיל איך, אָט — אָט פאַלט עס ביי מיר אַרויס. איך, איך מוז אים דעריאָגן! (בארואיקט, א שמייכל באַווייַזט זיך פלוצעם אויף זייַן פּנים) „א צער בעל חיימניק וואַקסט עס" פלעגט מייַן טאַטע טענהן. כ'פלעג ערב ימים נוראים נישט וועלן גיין צום שוחט קוילענען דאָס כפּרה־העגדל. ס'פלעגט מיך נודיען פון בלוט. (לאכט שטיל. ווערט באַלד ערנסט) א מענטשן דערהרגענען — ניין... (אנטשלאָסן) ס'וועט זיך די האַנט קיין טרייסל נישט טאָן — א פּראָוואָקאַטאָר! (ברומט)

אי קאַק אדין אומריאָם,
ווי באָרביע זא עטאָ.

פון דערווייטנס הערן זיך, ווי א שטילער עכאָ, די לעצטע טע־נער פון דעם דאָזיקן ליד. אלע שטרענגען זיך אָן. דערזעען פּיאָטרן.

אָן אויפגערעגטער, מיט אויסגעסטאַרטשעטע אויגן קומט אָן פּיאָטר. נפתלי קוקט אים גלייך אין פּנים מיט אַן אויסדרוק פון שול־דיקייט. טשערמאַק ווענדט אָפּ זיין בליק פון פּיאָטרן אויף נפתלין.

פּיאָטר:

(רייסט איבער די אָנגעשטרענגטקייט, נעמט פּלוצעם אָן נפתלין ביי די אַקסלען, דריקט אים צו צו זיך) וואָס ווייסט איר, וואָס ווייסט איר, חברה מיינע!...

נפתלי:

(אויפגערעגט, איילעק) הער מיך פריער אויס, פּיאָטר...

פּיאָטר:

וואָס האָב איך דיך אויסצוהערן? הערט מ י ך בעסער אויס. צי ווייסט איר וואָס דאָס באַטייט? (אונטערשטרייכנדיק יעדעס וואָרט) מעטאַל האָט זיך גערירט! חדשים־לאַנג — און גאָרנישט. אַלע אַרום טוען, שטרייקן, שטעלן זיך אַנטקעגן — און ביי מיר אויפן פאַבריק? מיטן הארצן זייגען, דוכט זיך, אַלע מיט אונדז, אָבער געבן אַזוי אַ אַ טרייסל, נישט לאָזן רייסן פון זיך שטיקער אַלעמאָל, בעת נייע רע־דוקציעס — דאָס גייט נישט און גייט נישט! (טריאומפירנדיק) עס גייט שוין!

נפתלי:

(נאָך אים ברייטער, טשערמאַק — מיטגעריסן) וואָס? ווי אַזוי? ווען איז עס געשען?

פּיאָטר:

(צו נפתלין) אָט דאַן, ווען ביי דיר האָט זיך עס פאַרהאַקט... (נפתלי ציט זיך צוריק, לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ) האָסט דאָך געזען, טשער־מאַק, כ'גיי און ס'הייבט מיך אונטער. כ'ווייס, אַז זשדזשאַרעק וועט עס צו מיין קאָפּ אויסלאָזן. (צו נפתלין) א י ך האָב דאָך ד י ר אָפּגעטראָטן. און דאָ איז צעכנאָווסקי ווידער אַרויס גאַנץ. פּלוצעם — כ'דערפיל, ווי פון צוויי זייטן כאַפּט מען מיך פאַר די פּלייצעס (אַלע דריי — געשפּאַנט, פאַרוואונדערונג אויף זייערע פּנימער) אייגע־נע! צוויי פון מיין פאַבריק. זיי זוכן מיך אַרום, ווי מיט ליכט. אומע־טום זיינען זיי אויסגעווען. ווייזט זיך אַרויס, אַז אין די קאָנוווערטן

מיטן לוין האָבן עטלעכע צענדליק פון די מייניקע באַקומען רעדוק־ציעס. די מאָס איז שוין איבערגעגאַנגען. דער עולם שיט מיט פייער און אַנדזערע, פאַרשטייט איר דאָך, גיבן צו היץ. מ'איז אַלע אַוועק אין פאַריין. ווען איך בין אָנגעקומען, האָט פּונקט דער פּעפּעסיאַק יאַזשאָמבעק געדרשנט. איר ווייסט דאָך, (מאַכט נאָך) „אַ שווערע צייט, מ'דאַרף איבערוואַרטן, קריזיס, מ'קאָן נאָך אַמאָל די גאַנצע פאַבריק צומאַכן". הכלל — ער סטראַשעט, בעט זיך. מיך צום וואָרט וויל ער בשום אופן נישט צולאָזן. מ'האָט מיך אויף די הענט אַרויפ־געשלעפּט אויף דער טריבונע — דער עולם אַליין. מילא — כ'האָב אַרויסגעלאָזט אַלץ, וואָס האָט זיך מיר אָנגעזאַמלט אויפן האַרצן (קוקט אַלעמען אָן מיט צונויפגעזשמורעטע שמייכלענדיקע אויגן. כאַפּט זיך פּלוצעם) כ'דאַרף זשדזשאַרעקן האָבן נייטיק, ווי דאָס לעבן.

נפתלי:

פּעליע וועט אוודאי וויסן, וווּ מ'קאָן אים טרעפן (איינגעהאַלטן, אָבער מיט קענטיקן אומרו) פאַרוואָס איז זי נאָך נישטאָ?

פּיאָטר:

(אַנטשלאָסן) הערט, מיינע טייערע, איר פאַרשטייט דאָך אַליין — ס'איז נישטאָ מער קיין צייט זיך צו צאַצקען מיט דעם שטיק פאַר־ליבע. איר פילט דאָך, מיט וואָס עס שמעקט איצט! (צו נפתלין) פאַר־שטייסט, טשוויינעק — דו מוזט טרעפן! גראָד איצט מוזן זיי דער־פילן — אַלע, דאָ ביי אונדז, און אין וואַרשע — אָט וואָס פאַר אַ לאַנגע האַנט מיר האָבן! מעטאַל, ברידערלעך, דאָס איז עפּעס ווערט, אַ? ס'וועט אַ הילך טאָן!

טשערמאַק:

וואָס איז דאָ צו רעדן? ס'איז די סאַמע רעכטע צייט. איצט נאָך פאַרזוימען?

ברייטער:

נו, מאַלע וואָס עס טרעפט. אמת נפתלי?

טשערמאַק:

(קוקט אָנגעשטרענגט אויף פּיאָטרן. דערנעענטערט זיך צו אים) און אפשר, אַ? ס'איז דאָך נאָך דאָ צייט. נפתלי איז יונג. דער יינגסטער צווישן אונדז. ער דאַרף לעבן! ער קאָן דאָך דערלעבן! (אַנטשלאָסן)

גיב מיר דעם פיסטאָלעט! איר זועט זען — דאָס לעצטע מאָל וועט עס אים זיין... אָט, זוי איר זעט מיך א לעבעדיקן! איך האָב דאָך שוין אין מיין לעבן עפּעס וואָס געטאָן...

נפתלי:

(גערירט) אוי וויל איך לעבן... דערלעבן! ס'איז דאָך אזוי נאָענט דער טאָג. איך פיל אים ממש... אָט, ווי ער וואָלט געאָטעמט אויף מיר. מיר זיינען פריי! קיין שונאים היטן מער נישט אונדזערע טריט. און אלץ ארום עטעמט אזוי טיף, וויל אזוי לעבן... (קערט זיך אום צו טשערמאקן. ענדערט פלוצעם דעם אויסדרוק אויפן פנים. הארט. אנטשלאָסן) אָבער נישט קיין געשענקט לעבן, פארשטייסט?! קיינער זאָל מיר אים, פון רחמנות וועגן, נישט אונטערטראָגן!

פּיאָטר:

קלאָר, ווי זשע! און חוץ אלעמען, ווער האָט עס געגעבן א רעכט צו ענדערן א באשלוס? און דאָ איצט — ווען אלץ דארף זיין פּינקטלעך, אויף זיין אָרט (דענערווירט זיך) וואָס האָט זיך פעליע פארהאַלטן, פארשטיי איך נישט. זי איז דאָך געגאַנגען די פּונקטן אויפסניי קאָנטראָלירן, צעטיילן. באמת, חברים, ס'איז האָך מיר א שאָד יעדע רגע. כ'זאָג אייך — מיינע וועלן נאָך ארויס אין גאס אויך. אָ, איר קענט נישט מיינע לייט. ס'איז מעטאַל, ברידערלעך. (באמערקט, ווי נפתליס פנים איז געוואָרן אָנגעשטרענגט. פּיאָטר קוקט זיך ארום, דערזעט, ווי צווישן דיביימער האָט זיך עפּעס א ריר געטאָן, לאָזט זיך מיטן גאנצן קערפּער פאָרויס. דערזעט דער פאמעלעך־אָנקומענדיקער **פעליען**. בלייבט שטיין). זע, און מיר האָבן זיך שוין גאָר באאומרואיקט. געמיינט, אז עפּעס איז געשען.

אלע פאָרשן אָנגעשטרענגט פעליעס פנים. דער אויסדרוק אויף אים — א שטרענגער, א פארשלאָסענער.

נפתלי:

(צודרינגלעך, באאומרואיקט) זאָג, וואָס איז געשען... כ'זע דאָך.

פעליע:

לאָז... שפּעטער. מ'מוז ענדערן די פונאנדערטיילונג פון די פּאָסטנס. פארפאלן, מ'האָט אים דורכגעלאָזן (באמערקט נפתליס אָנגעשטרענגטן בליק) ער וועט זיך נישט ארויסדרייען. לויט די ידיעות, וואָס מיר האָבן באקומען, איז דאָס ווייכטיקסטע — באזעצן דעם ראָג

האליצקי און דעם ראָג זואלאָווע. אויף דעם דאָזיקן אָרט וועל איך זיין און... (באטראכט יעדן באזונדער) און ברייטער. (צו טשערמאקן) דו העקסט משווינעקן, וועסט אים העלפן ארויסקריגן זיך, באשיץ אים. צוזאמען שאפן מיר א קייט — פון האנען טאָר זיך שוין צעכנאָווסקי נישט ארויסקריגן...

פּיאָטר:

(פארוווּנדערט, בייסט די וואָנצן) איך פארשטיי דיך נישט. נו, און איך? ווו איז מיין אָרט?

פעליע:

(אויף איר פנים באווייזט זיך פריער פארצווייפלונג, נאָכדעם ווייטיק. רעדט מיט א בעטנדיקן טאָן) פּיאָטר, כ'פארזיכער דיר, מיר וועלן זיך אליין אן עצה געבן! (צו אלעמען — ענערגיש) א יאָ, חברים, מיר וועלן זיך אן עצה געבן?!

נפתלי:

אויף זיכער פּיאָטר, דו גלייבסט דאָך מיר...

פּיאָטר:

(מיט כעס) א סוף, לאָזט...

פעליע:

(פאלט אים ארייַן אין די רייד) פארשטיי פּיאָטר — **איצט טאָרסטו נישט**! אין קיין פאל טאָרן מיר **דיין** לעבן נישט איינשטעלן.

פּיאָטר:

(רעדט מיט א קאלטן, דורכנעמענדיקן בליק אין די אויגן) צו יונג ביסטו, מאָכטערקע, כדי צו באלעבאטעווען מיט מיין לעבן. ווער האָט דיר געגעבן דאָס רעכט? זשדזשאראק אפשר?

פעליע:

(גיט זיך א כאפּ) זשדזשאראק... (איר שטימע ברעכט זיך איין, דרייט אָפּ אויף א רגע די אויגן, פארשטעלט זיי מיט דער האנט)

נפתלי:

(גייט נאָענט צו צו איר) פעליע, וואָס איז מיט דיר געשען? פארוואָס שווייגסטו? אין אזא מינוט...

פּיאָטר:

(האַרט באַפעלעריש) זאָג, אָן שום באַהעלטעניש. מיר, דאָ, אַלע — מיר מעגן וויסן.

פעליע:

(מאַכט אַן אָנגעשטרענגונג איבער זיך. באַהערשט) זשדזשאַראַס איז אַרעסטירט...

דויערנדיקער, אַלגעמיינער שווייגן. אויף נפתּלים פּנים — גרויס פּײַן, וואָס גייט פּאַמעלעך איבער אין פאַרגליווערטער פאַרביסנקייט. טשערמאַק — אויפגערעגט, פול מיט צאָרן. ברייטער — פּירט שנעל מיט די אויגן פון איינעם אויפן צווייטן, ווי זוכנדיק אַ דערקלערונג, וואָס דאָס באַדײַט.

פּיאָטר:

(קוקט אָנגעשטרענגט אויף פעליען.) וויאַזוי איז עס געשען?

פעליע:

נעכטן אין אָוונט. ווען ער איז צו זיך אויף דער דירה געגאַנגען. זוייזט אויס, אַז מ'האָט אים שוין לאַנג אָבסערווירט. און אפשר האָט אים צעכנאָווסקי באַמערקט. ער האָט זשדזשאַראַקן געקענט..

נפתּלי:

(מיט צעפלאַמטע אויגן) ער, אויף זיכער ער!

פעליע:

איך האָב זיך געבעטן בײַ אים — מ'דאַרף איבערוואַרטן! נישט באַוועגן זיך, ביז מירן פּטור ווערן פון פּראָוואָקאַטאָר. מירן אַלץ אַליין דערלײַדיקן. און ער... (ווידער ברעכט זיך איין איר שטימע) אַלעמען אונדז האָט ער געהיט, כּסדר געלערנט זיך היטן, געעצהט, געשטראָפט. און זיך האָט ער נישט געשוינט. אין אַזאַ צײַט! גראָד די לעצטע טעג האָט עס אים אַזוי געטראָגן. ער האָט זיך אַזוי גע־פרייט — נײַע קאָנטאַקטן באַקומען. בײַ מעטאַל...

פּיאָטר:

(דערשטוינט) נײַע קאָנטאַקטן בײַ מעטאַל, זאָגסטו? געוואַלד, ווי אַזוי האָב איך זיך עס נישט געכאַפּט! דאָס איז זײַן אַרבעט! זײַן האַנט אין מעטאַל־שטרייק!

נפתּלי:

(ווי פאַרחלומט) אין יעדן אונדזער טראָט באַגלייט ער אונדז. ער היט, וואָרנט, לויערט, לערנט ווי אַזוי צו צילן און טרעפן אין ציל... ווי וועט עס אַצינד זײַן, פּיאָטר?

פּיאָטר:

(פאַרביסן, שטרענג) ס'וועט זײַן אַזוי, אַז דער שונא וועט זשדזשאַ־ראַקס קלעפּ נאָך שטאַרקער דערפילן, ווי דעם אַנדערש?

ברייטער:

אַזוי פיל קרבנות... נאָכאַנאַנד... אויף יעדן טראָט...

פּיאָטר:

און דו, וואָס האָסטו געמיינט? מיט איין זעץ — און פּטור! ניין, ברודערקע. ס'איז גאָר די קלעפּ נישט צונויפצורעכענען. וויפל איך געדענק זיי פאַר אָט די צענדליקער יאָר — און דאָך!...

נפתּלי:

אָט אַזוי ווי יענער פויגל, וואָס ווערט אויפסניי געבוירן.

פּיאָטר:

ווי שטאָל, וואָס ווערט נאָך פאַרהאַרטעוועטער. אַזאַ כּוח איז אין אונדז פאַראַן! (כאַפּט זיך פלוצעם) ס'איז קלאָר. האָסט נאָך וואָס איבערצוגעבן, פעליע?

פעליע:

(פאַרביסן, באַפעלעריש) דו גייסט נישט פּיאָטר! ד ײַ ן אָרט איז בײַ מעטאַל!

פּיאָטר:

(גוטמוטיק, ווייך) אַ סוף, אַ סוף. ס'וועט זײַן אַזוי, ווי ס'באַדאַרף צו זײַן. אַלעמען איז קלאָר, וואָס מיר טוען?

טשערמאַק:

וואָס איז נאָך פאַראַן דאָ צו רעדן? אַלץ איז קלאָר.

פּיאָטר:

איז — מיט דערפאָלג! (שטרעקט אויס די האַנט צו נפתּלין זיך צום געזעגענען).

נפתלי:

(אײליק, װי ער װאָלט זיך עפּעס װיכטיקס דערמאָנט, רוקט אָפּ פּיאָטרס האַנט) װאַרט אַ רגע, פאַרװאָס האָסטו מיר נישט דערמאַנט?! זשדזשאַראַק האָט דאָך אַנגעזאָגט... (גײט צו גאָר נאָענט צו טשערמאַקן און ברײטערן — רעדט שנעל. פּיאָטר, פּעליע קוקן אים נײגעריק אָן) מיר מוזן אָנזאָגן אַלע אונזערע מענטשן — אַלע, איר הערט! — אַלע מוזן צוריק אַרײַן אין פּאַרײַן. (טשערמאַק, ברײטער — פאַרװוּנדערט) ניט צו פאַרשטײן: פון דרויסן טויג נישט! מיר װעלן װײניק אויפטאָן. מיר מוזן זײַן אינעװײניק. מיט אַלע אַרבעטער צוזאַמען. מיט די פּוילישע, מיט די אוקראַינישע, מיט די ייִדישע. אין פּאַרײַן מוזן מיר מאַכן. מיר מוזן זײַן צוזאַמען — װוּ אַלע אַרבעטער...

טשערמאַק:

(כעסדיק) װאָס זײַנען דאָס פאַר אַ רײד, פאַרשטײ איך נישט! אפשר איז דיר אײַנגעפאַלן צו שרײַבן אַזאַ מין צװאה.

נפתלי:

(שמײכלט, קוקט פריער אויף פּיאָטרן, נאָכדעם אויף פּעליען — פאַרהאַלט אויף איר זײַן בליק) אַ צװאה... ניי, ניי, װאָס רעדסטו?! (צו טשערמאַקן און ברײטערן) ס׳איז אַ באַשלוס. פון דער פּאַרטײ. זשדזשאַראַק האָט מיר אָנגעזאָגט (בײַ טשערמאַקן און ברײטערן ענדערט זיך דער אויסדרוק אויפן פּנים. ערנסט)

פּיאָטר:

ס׳איז צײַט זיך פונאַנדערצוגײן (שטיל, פײַערלעך) מיט גליק, חברים, האַלט זיך! (דריקט אַלעמען די הענט. פאַרהאַלט זיך לענגער בײַ פּעליען, לאָזט זי נישט קומען צום װאָרט) היט זיך פּעליע, הערסט װאָס איך זאָג דיר אָן? (גײט צו צו נפתלין, נעמט אים אַרום, צעקושט זיך. גײט אַװעק. סיגעזעגענען זיך, פריער ברײטער און נאָכדעם טשערמאַק — גײען יעדער באַזונדער אַװעק אין פאַרשידענע זײַטן).

פּעליע:

(צאַרט) זאָג מיר טאַליק! מיר מעגנסטו דאָך זאָגן...

נפתלי:

אָט אַזוי, װי זיך אַלײן.

פּעליע:

(געריהרט) נו גוט. זאָג מיר, טײַערער — דו ביסט זיכער אין זיך? ס׳װעט דיר סטײען כוחות?

נפתלי:

(נעמט האַסטיק איר האַנט אין זײַנער. דריקט זי צו זיך) אַזוי װי כ׳בין זיכער אין נאָענטן אָנקום פון אונדזער באַפרײַונג... אַזוי װי כ׳בין זיכער, אַז אויך דאַן װעלן מיר מיטן גאַנצן לעבן — אָן אַ ברעקל רעשט — גײן אויפן ערשטן פײַער... כ׳װאָלט נאָר געװאָלט, אַז אויך דאַן זאָלן מיר זײַן אײנער לעבן אַנדערן... צוזאַמען...

פּעליע:

װי־זשע דען? אײנער לעבן אַנדערן... צוזאַמען... אויף אײביק צוזאַמען!

נפתלי:

כ׳װיל... כ׳מײן... מיר װעלן זײ אָפּצאָלן... מיר װעלן אַרױסרײַסן פון זײערע הענט אונדזערע... די טײַערסטע... די העלדישסטע... פאַר אונדזער לעבן! פאַר אונדזער גליק! (דריקט איר פעסט די האַנט, קוקט באַגײַסטערט אין פּעליעס אויגן)

פאָרהאַנג פאַלט לאַנגזאַם

6־טע סצענע

אויפן פּלאַץ — װי אין דער צװײטער סצענע. אַ זומערדיקער נאָכמיטאָג.

אין דער טיף פון דער סצענע, בײַ די הײַזער, שטײען מענער, פרויען, לעבן זײ — עטלעכע קינדער. אַלע פאַרטראַכט, פאַרדאַגהט. אײניקע זיצן אויף די בריקלעך. נעענטער צו דער לאַמטערנע — אַ הײפל מענטשן, שמועסן שטיל.

עלטערער ייִד:

און איר מײנט, אַז דאָס קאָן גאָרנישט געמאָלט זײַן? טאָמער מאַכן זײ אַ פּאָגראָם? עס האָט דען אַ סך געפעלט בעת דעם בלבול אויף שטײנערן?...

ארבעטער:

ווער? וואָס? וואָס שרעקט איר די נעגהו? כ׳זאָג דאָך אייך: נישט יענע צייטן!

ביטליאַריקער ייד:

זאָל די שעה קיין שעה נישט זיין. מ׳קאָן זיך אויף אַלץ ריכטן. ווו איז דאָס געהערט געוואָרן? אַ ייד זאָל אָפּטאָן אַזאַ זאַך!...

ארבעטער:

אוודאי, וואָס הען זאָל אַ ייד טאָן? דרייען ציצית? אָט רעדט איר און הייבט נישט אָן צו וויסן, וואָס איר רעדט (קוקט זיך פאָרזיכטיק ארום, דערזעט די קינדער, וועלכע הערן זיך אָנגעשטרענגט איין. צעשרייט זיך) איר וועט אוועקגיין פון האַנען צי נישט? דער שוואַרץ־יאָר טראָגט אייך, ווו מ׳באַדאַרף נישט! גייט — שפּילט זיך, וואָס האָט איר דאָ צו הערן?! (די קינדער גייען אוועק נעענטער צו דער ראַמפּע, וואַרפן טרויעריקע בליקן אויף צוריק. זעצן זיך אויס ארום דער לאַמטערנע. דער ארבעטער רעדט נאָך שטילער, סודותדיק. די ארומיקע בייגן זיך איין אים צו הערן). אַ ייד זאָגט איר. ער האָט דאָך זיי גלייך געזאָגט, אַז ער איז אַ „רוימער”. נו? (קוקט אויף דער צווייטער פרוי) איז וואָס איז דאָ שייך — ייד — נישט־ייד...

דער שיין פאַלט אויף די מענטשן, וואָס זיצן אויף די בריקלעך.

פרוי אויפן בריקל:

...נישט באַשערט לאָהן קיין ביסל נחת. פריער דער עלטער־ערם התן. נאָכדעם האָט מען דעם ייִנגערער צוגענומען. איז די יונגע מויד ארויסגעקומען...

מיידל:

(גיט זיך האַסטיק אַ כאַפּ) וואָס הערסטו? עמקע איז שוין פריי...

פרוי אויפן בריקל:

(כעסדיק) וואָס איז? אַ חברטע דייַנע? מיש זיך נישט! היט בעסער דעם קאָפּ דייַנעם... (מיידל רוקט זיך אָפּ, ציט זיך באַלד צוריק) נישט באַוויזן זיך הערפרייען מיט דער טאָכטער, האָט מען דעם זון צוגענומען... דעם פרנסה־געבער... דוכט זיך אַזעלכע איידעלע, שטי־לע קינדער...

יונגע פרוי:

אייַנע איז זי? טויזנטער מאַמעס זייַנען אָן קינדער געבליבן. אַ מגפה ...ווו אַ שטוב — פעלט עמעצער.

מיידל:

(היציק) האָט דאָך טאַקע נפתלי... פאַר זיי... פאַר אַלעמען...

פרוי אויפן בריקל:

שטילער, זאָג איך דיר! מיש זיך נישט. נישט דיין זאַך. קענסט נישט קיינעם — ווייסט נישט קיינעם...

די שיין פאַלט אויף די קינדער — צוויי ייִנגלעך, איין מיידל

ערשטער ייִנגל:

(צו דעם מיידל) ...דו וועסט גיין צו יענעם ראָג גאַס. פאַמעלעך... פאַמעלעך (ווייזט ווי אַזוי) איך וועל שטיין אָט אויף יענעם ראָג — זעסט? אנטקעגן. דו זאָלסט אויף מיר נישט קוקן. קענסט מיך נישט. און דו (צום צווייטן ייִנגל) דו גייסט אין מיטן, דאָס היטל אויף דער זייט — אָט אַזוי, ווי אַ שיכורער. (שטעקט אריין די האַנט אין די קעשענעס און גייט מיט אַ וואַקלדיקן טראָט)

צווייטער ייִנגל:

כ׳וויל נישט... זיי וועלן מיך דערהרגענען...

ערשטער ייִנגל:

נאַר איינער, ווער וועט דיך דערהרגענען? מיר שפּילן זיך דאָך אַזוי...

צווייטער ייִנגל:

(פאַרעקשנט) כ׳וויל נישט און שוין. זיי דו צעכנאָווסקי — איך וויל נישט.

ערשטער ייִנגל:

נו, וועל איך זיין! וואָס מיינסטו, איך האָב מורא? דאָס ביסטו אַ שרעקעוודיקער (מאַכט אַ גרימאַסע, ווי ער טרייסלט זיך) איך וועל זיין צעכנאָווסקי. ווי נאָר כ׳וועל צוקומען אָט אַ דאָ (ווייזט אויפן מיטן פלאַץ) לויפסטו פון איין זייט, דו — פון דער צווייטער און ביידע מיט אַמאָל — שיסט, שיסט, שיסט! און באַלד — פיו, אנט־לויפט, קיין זכר זאָל נישט בלייבן, גוט?

־אָס מיידל:

נאָטעלע, ס׳איז דאָך אַזוי נישט געווען. מיין טאַטע דערציילט...

ערשטער יינגל:

(קרימט איר נאָך) מיין טאַטע, מיין טאַטע... וואָס ווייס דיין טאַטע? איך ווייס בעסער. אזוי איז עס געווען.

דאָס מיידל:

ער האָט דאָך נישט באַוויזן צו אַנטלויפן... זיי האָבן דאָך אים גע־כאַפּט (געהיימניספול) מ'זאָגט, אז מ'וועט אים אויפהענגען...

ערשטער יינגל:

מ'זאָגט, מ'זאָגט... דאָס זאָגן זיי אזוי. זיי ווילן זיך באַרימען. אין דער אמתן... (קוקט זיך אַרום, רופט זיי צו נעענטער צו זיך) א מכה האָבן זיי אים געכאַפּט. נפתלי האָט זיך ביי זיי פון די פינגער אַרויסגעגליטשט (באַרימט זיך) איך קען דאָך אים! מיר וווינען אויף איין הויף. אים וועלן זיי כאַפּן? קיינמאָל נישט! (סודותדיק) מ'זאָגט, אז ער איז שוין דאָ אין דער היים. ער באַהאַלט זיך אויפן בוידעם. אָבער חברה (מאַכט א וואָרענונגס־צייכן) שאַ!

עס דערהערט זיך דאָס געשריי פון צייטונגס־פאַרקויפער. די קינדער — דערשראָקענע, גייען אָפּ צו די בריקלעך. סיקומען אָן איי־נער נאָכן צווייטן די צייטונגס־פאַרקויפער.

ערשטער צייטונגס־פאַרקויפער:

(רופט אויס אין גאַנג) „שטאַנדגעריכט איבער א יונגן קאָמוניסט!”

צווייטער צייטונגס־פאַרקויפער:

(קומט אָן נאָכן ערשטן, שרייט): „פּראָקוראָר פאָדערט טויט־שטראָף פאַר באַטווינען!”

ערשטער:

(כאַפּט א קוק אויפן עולם, לייגט צונויף די הענט אויפן מויל, שרייט אויס פאַרטויבט) „עקסטרא נייס! דערהרגעט א געפערלעכן שפּיצעל!” (שטילער) „אויף אַלע איבעריקע געזאָגט געוואָרן...”

צווייטער:

(איבערגעשראָקן, וואָרנט) ביסט משוגע? זיי זיינען דאָך איצט צע־רייצט ווי די וועלף...

ערשטער:

...און ציטערן, ווי די מייז! שפּיי אויף זיי! זיי זיצן איצט אין די בודעס און האָבן מורא די הינטישע נעזער אַרויסצושטעקן.

צווייטער:

(א באַרואיקטער, שמייכלט צו) כ'גיי פאַרביי דעם געשטופּלטן פּאָל־ציאַנט אויפן ראָג — קוקט ער אויף מיר מיט א פּאָר שליפּיעס, אז א קעלט איז מיר אדורך די ביינער. ער האָט אוודאי געמיינט — דאָס בין איך א צווייטער באַטווין און גיי ביי אים אָפּנעמען זיין פאַסקודנע נשמה. (כיכיקעט, רייסט איבער. אַ פאַרזאָרגטער) ווי מיינסטו, ער וועט זיך זיי טאַקע לאָזן, א לעבעדיקער?

ערשטער:

זיי נישט קיין יאָלד! (בייגט זיך צו צום צווייטן צייטונגס־פאַרקוי־פער) און דו מיינסט, אז זיי האָבן טאַקע געכאַפּט דעם אמתן באַט־ווינען?... אַ! (ווייזט א פייג) געטראָפן דאָס אָרט! (געהיימניספול) פאַרשטייסט, ביי די קאָמוניסטן פירט זיך אזוי, אז יעדער האָט אַפּ־ישר צען נעמען. היינט גיי ווייס, צי דאָס איז דער אמתער באַטווין, אָדער עפּעס אַן אונטערגעשטעלטער, א ליפּע. איך זאָג דיר — ס'איז א ליפּע! דער אמתער באַטווין איז נישט אזאַ...

צווייטער:

(נייגעריק) וואָס, דו קענסט אים דען?

ערשטער:

(קוקט אויף אים מיט א זייטיקן בליק, ווי אָן צוטרוי) און אז כ'קען אים... איז וואָס? (קוקט ענערגיש אָן דעם צווייטן צייטונגס־פאַרקוי־פער, רעדט האַסטיק) דער אמתער באַטווין — אָ, ברודערקע, אזאַ מין יאַט איז ער (ווייזט אויף דער הויך פון דער לאַמטערנע). ער איז אַמאָל א באָקסער געווען אין צירק. אן אַטלעט. א פּאָר ידים האָט ער — אזוי ווי די צוואַנגען. באַקומט זיך ווער אריין אין זיי — הייסט ער שוין נחום (נאָך מער פאַרטרוילעך) מ'זאָגט, אז ער האָט שוין נישט איין פּראָוואָקאַטאָר געמאַכט אויף קאַלט.

צווייטער:

(מיט אומצוטרוי, טרויעריק) טאָ פאַרוואָס האָט ער זיך געלאָזט כאַפּן? האָסט דערהרגעט די כאָליערע — צי, מאַך פּיס. און ער שטייט איבערן פּגר און האַקט אין אים אריין איין קויל נאָכן צווייטן.

ערשטער:

ווידער דאָס אייגענע! דו גלייבסט שוין אויך, וואָס זיי (ווייסט אויף די צייטונגען) שרייבן. (מיט גרינגשעצונג) אַקוראַט, ווי די פּריי־ערס...

צווייטער:

(פארזאָרגט) כ'האָב א גאנצן פרימאָרגן זיך געדרייט אויף דער טרי־בונאלסקע, ביים געריכט (צום ערשטן, וועלכער קוקט אים נייגעריק אָן) וואָס האָב איך מורא, וואָס? כ'האָב געזען ווי דיין קליענט, אָט דער פון אנטקעגן — דער פראנץ־יאָזעף, איז אריין אין געריכט. באַטווין האָט זאָגט מען, ביי אים טעאַהבֿעט. דער אַ נפש — הערסט, אזוי זאָגט מען — האָט געשאָטן אויף באַטווינען.

ערשטער:

(אויפגערעגט) מעג אויף אים די כּפּה נישט קומען?! ער וועט זיך שוין אויסריכטן א מיתה־משונה. וואָס מיינט ער — באַטווין וועט אים שווייגן?

צווייטער:

שוין ווידער? באַטווין זיצט דאָך...

ערשטער:

(צעטומלט) איז וואָס?... ס'פעלן אנדערע... איך אליין, גלייב מיר... (בייגט זיך אָן צום צווייטן) מ'זאָגט, אז ווו מ'גייט און ווו מ'שטייט איז היינט פול מיט קאָמוניסטן!

צווייטער:

איז וואָס שווייגן זיי?! (טרויעריק) אז כ'האָב נאָכדעם געזען אריינ־גיין אין געריכט דעם ראַבינער גוטמאַן אין דעם יום־טובדיקן פראַק מיטן צילינדער, האָב איך געמיינט, אז עמעצער וועט אים כאָטש א צי טאָן ביים פאָלע, אים זאָגן: נאָך וואָס גייט איר אהין?

ערשטער:

ווייסט נישט? א זוראָגע, אז זי דערשמעקט דעם טויט — אזוי איז ער. האָט ער זיך גלייך געיאָוועט.

צווייטער:

מסתמא וועט ער אים מתוודה זיין. אזוי פירט זיך.

ערשטער:

שוין, ער האָט אים שוין באַגראָבן? אז נישט דערלעבן זאָלן זיי עס. און איך זאָג דיר דאָס מיינסע — ער וועט זיי אלעמען אָפּטאָן אויף טערקיש...

סיגייען פארביי צוויי פּאָליציאנטן אין דינסט־אוניפאָרם — מיט די לעדערנע פאסקעס אויף די גאָמבעס, מיט גומע־שטעקנס אין די הענט. קוקן אויף אלעמען דורכדרינגלעך. טייל מענטשן לאָזן זיך אריין אין די הויז־טירן, טייל בלייבן שטיין — קוקן אָנגעשטרענגט, מיט שנאה אויף די פּאָליציאנטן. פון דער ווייטנס הערט זיך דאָס זינגען פון הויף־זינגער. די צוויי צייטונגס־פארקויפער שרייען נישט הויך: א „היינט", א „מאָמענט", א „פאָלקס־צייטונג". די פּאָ־ליציאנטן גייען פארביי, די צייטונגס־פארקויפער אין זעלבן טאָן, נאָר שטילער, רופן אויס: „א מגפה"! „אן אויסרייסעניש!" „א מפּ־לה זאָל קומען אויף אייך!"

סיקומט אָן דער הויף־זינגער. פאַרעלטערט, די גרויע באָרד לענגער.

דער הויף־זינגער:

(גייט צו נאָענט צו דער לאַמטערנע, זינגט)

מע נעמט פון אונדז דאָס לעצטע קלייד,
דעם לעצטן ביסן ביי יתומים.
א נאכט א פינצטערע האָט זיך אויסגעשפּרייט
און דריקט, און שטיקט און שווינט אונדז קיי — ייגעם.

(רופט אויס צו די מענטשן ביי די הייזער) שענקט עפּעס אַן אלטן יידן, א קאַליקע!

ערשטער צייטונגס־פארקויפער:

שטענדיק, זיידע, איז ביי אייך איין און דערזעלבער דאווענען. קיין אנדער ניגון קאָנט איר גאָרנישט צוטראכטן? ס'איז אזוי אויך אָנגע זאָליעט אויפן הארצן, דארפט איר נאָך צוזאלצן מיט אייער מאָראַליש ליד. (מאכט נאָך) „א נאכט א פינצטערע האָט זיך אויסגעשפּרייט" — אז פינצטער און ווייסט זאָל זיי שוין זיין!

דער הויף־זינגער:

שטילער, יונגאטש! וואָס ווילסטו, איך זאָל זיי (ווייזט אויף אלעמען ארום) איצט אויפשפּילן א פריילעכס? (מיט א געענדערטן, שטאַרק־זקנישן קול) אים, דעם יתום נעבעך, פייניקט מען דאָרט... א וואָרט פון אים נישט ארויסגעריסן...

ערשטער צייטונגס־פאַרקויפער:

(גערירט) פון וואַנעט ווייסט איר עס, זיידע?!

דער הויף־זינגער:

(קוקט נישט אויף אים) אלע זיינען זיי אזעלכע... מיינע קינדער זיי־נען אויך אזוי שטום געווען...

סיקומען אָן ארבעטער, פרויען, שטעלן זיך אָפּ. סיגייען דורך סתם מענטשן, קוקן דערשראָקן אָן דעם עולם און ווערן שנעל נעלם. סיקומט אָן טשערמאק — חושך, בלאס, אָפּגעלאָזן. אביסל שפּעטער ברייטער, שמיל, קאַץ.

דער הויף־זינגער:

(גייט אָפּ עטוואָס טיפער אין דער סצענע, זינגט)

דאָס ליד וועגן באַטווינען*

באַטווין, באַטווין, אין תפיסה־קאמער
הער אויס אונדזער ליד.
כאָטש דיין קערפּער איז געפאנגען,
אָבער דיין גייסט קאָכט און זידט.

איינס ווייסן מיר אויף זיכער,
אז דיין שאָס איז א צייכן געווען:
פּראָוואָקאַטאָרן אָפּצורוימען
און ביי אונדז צו וועקן דעם ברען.

איידער צו לעבן ווי די שקלאַפן,
דערדריקט צו ווערן פון קאַפּיטאַל,
בעסער קעמפן, אפילו שטארבן,
ווי א העלד אין שלאַכט פאלן.

די לעצטע ווערטער זינגען מיט עטלעכע מענער און פרויען, אייניקע ברומען אונטער. דער הויף־זינגער גייט פון איין גרופּע צו דער צווייטער. סיפאַלן מטבעות, אויך פון די פענצטער.

שמיל:

אזוי האָט מען געזונגען וועגן הירשקע לעקערטן, וועגן ברוך שולמא־נען...

---

* איינער פון די פילצאָליקע וואַריאַנטן פון א פאָלקס־ליד וועגן באַטווינען.

טשערמאַק:

(פארטראכט, מיט ווייכקייט אין דער שטימע) אזוי... און אביסל אנ־דערש. (שמיל קוקט אים מיט פאָרוואורף אָן) הירשקע לעקערט איז דאָך צווישן די אייעריקע איינציקער אליין געווען. אייערע גרויסע לייט האָבן דערפון נישט געהאלטן... און ברוך שולמאַן — זיין פארטיי האָט דאָך פארלייקנט, האָט דאָך געשטערט... (פויזע) באַטווין (שטיל, האסטיק) דאָס זיינען מיר, אלע — טויזנטער, הונדערטער טויזנטער וואָלטן דאָס זעלביקע געטאָן.

קאַץ:

(מיט א בעטנדיקן פנים) וואָס ווילסטו, פארשטיי איך נישט? לאָז שוין אָפּ. פון אזא טראַגעדיע שלאָגן פארטיי־קאַפּיטאַל!

טשערמאַק:

(בייז) וואָס האָסטו געוואָלט? אפשר אוועקשטעלן זיך מיט א פּושקע: צדקה תציל ממות! אויפן קרן קימת עפּעס צונויפנעמען? א געלעגנ־הייט, אַ? (אויפגערעגט) אוודאי קאַפּיטאַל, דער גרעסטער! ווו נאָך האָט איר געזען אזעלכע זעלנער! דעם טויט אין די אויגן — אָ!

שמיל:

און ביי אונדז, בייים בונד — איין משפּחה. ווער ס'קען די אמתע נאָ־שיכטע — ווייסט. אונדזער פארטיי איז אויף באריקאַדן געגאנגען.

ברייטער:

(מיט אומצוטרוי) ווען איז עס געווען, חבר שמיל? — (קוקט אים שארף אָן) מיינסט דאָך אוודאי נישט די באריקאַדע, וואָס מאָניש האָט אוועקגעשטעלט ביי דער טיר פון פאריין, כדי נפתלין, קייגעם פון אונדז אהין נישט אריינלאָזן?!

קאַץ:

לאָזט אָפּ, איך בעט אייך. א צייט געפונען. ס'איז דאָך אונדזער אלעמענס בראָך. צוזאַמען האָבן מיר דאָך מיט נפתלין אזויפיל יאָרן געאַרבעט...

ברייטער:

און מיר וועלן נאָך מיט אים ווייטער ארבעטן... (דערזעט דער אָר קומענדיקער פעליען. פארענדיקט די ווערטער שטילער) ...אזוי ווי

ער! (דרייט זיך פּאַמעלעך אָפּ פּאַרויכערט ביי איינעם אַ פּאַפּיראָס, דערנענטערט זיך צו פעליען) וואָס טוסטו? נאָך וואָס ביסטו אהער געקומען?

פעליע:

(בלאס, מיט שטרענג־אָנגעשפּיצטע אויגן) כ'מוז זיין מיט אייך. ווי קאָן איך אים איבערלאָזן אין אזא מינוט! כ'מוז זיין מיט אייך, צוזאמען. ער איז דאָך מיט אייך, דאָ!

ברייטער:

(בארואיקנדיק) אוודאי, מיט אונדז. אָבער פעליע, וואָס קאָן מען דאָ אויפטאָן? מוזט זיך אָפּהיטן. פאר אונדז, פאר דער פּאַרטיי, פאר אים...

פעליע:

ארויסרייסן אים פון זייערע לאַפּעס! (שטילער, בארואיקט) איז דאָ עטקע נאָך נישט געווען? זי האָט צוגעזאָגט, זי וועט זיך ארויסכאַפּן. איבערגעבן וואָס דאָרט קומט פאָר. ס'וואַרט אַ קורייער פון צ. ק. (הארט) מ'מוז אים ראַטעווען... אין גאַנצן לאַנד, אפילו אין אויסלאַנד טוט מען, כדי אים צו ראַטעווען. מעטאַל וועט גיין צום געריכט. ביי, כעמישע האָבן דערקלערט אַ פּראָטעסט־שטרייק. זע, אַז דאָ זאָל מען נישט שווייגן. מירן גיין צוזאמען.

ברייטער:

אלע וועלן גיין. מירן אלץ טאָן. (בעטנדיק) גיי אוועק, פעליע, כ'בעט דיר. דאָ איז דאָך געפערלעך.

פעליע:

(גרינגשעצנדיק) געפערלעך? פארוואָס האָסטו עס נפתלין נישט געזאָגט? אוודאי געפערלעך! אָבער מיר וועלן אלעמען אויפהייבן, פירן. אזוי ווי זשדזשאראַק האָט געהייסן... (באמערקט די אָנקומענדיקע עטקען) זי זעט מיך נישט. גיי צו איר צו. כ'וועל זיין אויפן ראָג (גייט אַוועק אין אַ נאָענט געסל, ברייטער באַגלייט זי — אַ ביסל שפּעטער קומט ער צוריק אָן.)

עטקע — בלאס, איינגעדארט, שווארצע־ברענענדיקע אויגן. דער גאַנג אַ דערוואַקסענער, געזעצטער. קוקט זיך ארום, ווי זי וואָלט עמעצן געזוכט. דער גאַנצער עולם קוקט זי אָנגעשטרענגט אָן.

דאָס מיידל:

(רייסט זיך אָפּ פון דער גרופּע, וואָס זיצט ביי די טרעפּ, פאַלט צו צו עטקען, כאַפּט זי ארום. עטקע קוקט זי פארוואונדערט אָן) עטעלע, האָסט מיך נישט דערקענט? זע, זע, קוק זיך גוט צו...

פרוי אויפן בריקל:

(שטעלט זיך אויף) זע, ווי ווילד דאָס איז. גיטל! אַ הער גיי!

עטקע:

גיטעלע?! זע סאַראַ גרויסע דו ביסט געוואָרן. (באַמערקט טשערמאַקן) טשערמאַק?! דערזעלבער, אזוי ווי געווען.

טשערמאַק:

ווי־זשע דען? שטענדיק דערזעלבער. און דו, עטקע, ביזט אזא גרויסע געוואָרן. (שטילער, אומגעדולדיק) דערצייל, דערצייל. וואָס הערט זיך.

עטקע:

(באטראַכט אים שאַרף, באמערקט ברייטערן, וועלכער דערנענטערט זיך מיט ביידע אויסגעשטרעקטע הענט צו איר) ברייטער! ווי גוט איז צו זען נאָענטע, פריינדלעכע פּנימער.

ברייטער:

עך, וואָלט זיך עס נפתלי דערפרייט מיט דיר.

עטקע:

ער האָט זיך טאַקע דערפרייט. מיר האָבן אלץ אין תפיסה געוווסט. ווען מ'האָט נאָר דעם טויער געעפנט זיינען מיר אלע ביי די קראַטעס געווען. מיר האָבן געזונגען. דעם „אינטערנאַציאָנאַל". די וועכטערס האָבן פון אונדז שטיקער געריסן. און מיר האָבן געזונגען. איך האָב אויף אים געקוקט און נישט געקאָנט אָפּרייסן די אויגן. אָט דאָס איז ער, מיין קליין ברודערל. אָט דער שטילער מאַליק?! און ער — מען שטויסט אים מיט די ביקסן, מע טרייבט אים — און ער האָט פארריסן דעם קאָפּ און די אויגן שמייכלען. ער שרייט און מיר הערן: „אַ דאַנק אייך — שרייט ער — טייערע חברים, אַ דאַנק!" איך הער — פאר אלעמען האָט ער נקמה גענומען — און ער דאַנקט אונדז.

אין מיטן פון עטקעס רייד גייט דורך ביי דער זייט פון פלאַץ מאַניש. שטעלט זיך אָפּ. קוקט אַלעמען אָן. באַמערקט שמילן. עסט זיך איין מיט זיינע שפּיציקע אויגן אין אים. שמיל ענטפערט נישט, דרייט זיך אָפּ, הערט עטקעס רייד.

מאַניש:

חבר שמיל, זייט אַזוי גוט (אַלע ווענדן די אויגן צו אים)

שמיל:

(גייט צו נעענטער צו אים. בלייבט שטיין אין מיטן. מיט פּאַרדרוס, שטיל) איר וואָלט געמעגט האָבן דרך־ארץ!

מאַניש:

אַזוי? איר ווילט מיך לערנען דרך־ארץ? וואָס טוט איר דאָ? אויף אַ קאָמוניסטישער מאַסאָווקע?

שמיל:

וואָס רעדט איר וואָס? אַ מאַסאָווקע? הערט, הערט, וואָס זי דערציילט.

מאַניש:

איך גייט צי ניין? (זעט, אַז שמיל רירט זיך נישט פון אָרט) מירן מיט אייך ערגעץ אַנדערש וו רייד! (גייט שנעל אָפּ)

עטקע:

(צו טשערמאַקן) ער איז אויך דערזעלבער געבליבן?

טשערמאַק:

(אַרויסצישענדיק צווישן די ציין) נאָך ערגער... דערציילט, ווי האַלט עס דאָרט, אין געריכט?

אַלע רוקן זיך נעענטער צו צו עטקען. דער אויסדרוק אויף איר פּנים ענדערט זיך. ווערט קאָנצענטרירט, שטרענג.

עטקע:

דער פּראָקוראָר האָט געענדיקט — „ער האָט אין אונדז אַלעמען געשאָסן" ער פאָדערט נפתּלים לעבן. און ער זיצט אַזאַ רואיקער, ווי ער וואָלט דאָ גאָרנישט געווען. קוקט אויף דער מאַמען, אויף שרהן, אויף מיר — און שמייכלט.

ברייטער:

ער שווייגט די גאַנצע צייט?

עטקע:

ניין, מיט זיין שווייגן רעדט ער אַזוי, אַז ביים פּראָזיצער פון געריכט האָט שיער די גאַל נישט געפּלאַצט. זיי ווילן פון אים מאַכן אַ גראָבן יונג, אַ לעמעשקע, פאַרגיבן אים ווילדע פראַגעס. און ער, אַזוי רואיק, ווי אַ מאָל אין דער היים, האָט זיי אַ זאָג געטאָן: „כ'בין נישט קיין געלערנטער. אַוודאי. פון וואַנען זאָל איך עס זיין? מיין טאַטע האָט מיך נישט געלערנט. אָבער איינס ווייס איך — אין פּוילן וועט זיין סאָציאַליזם! אַזוי זאָגן מיר, קאָמוניסטן!" איז דער פּראָקוראָר גרין און געל געוואָרן.

א באַוועגונג צווישן עולם, וועלכער דריקט אויס צופרידנקייט, באַגייסטערונג.

ברייטער:

(שטיל, פאַרטרוילעך צו עטקען) מ'מוז עס גלייך איבערגעבן. די וועלט מוז וויסן. פעליע וואַרט. גיי גלייך, נאָך מיר (גייט אָפּ. עטקע מישט זיך אויס צווישן עולם, פאַרשווינדט)

עס קומען אָן עטלעכע פּוילישע און אוקראַיִנישע אַרבעטער. מיט זיי צוזאַמען פּיאָטר. צווישן עולם אויפן פלעצל גייט דורך אַן אומרו. אייניקע ציען זיך צוריק אין די הויז־טירן.

טשערמאַק, ברייטער און אַנדערע, וועלכע באַוויזן זיך צוריק. באַרואיקן דעם עולם מיט אויסגעשרייען: „שרעקט זיך נישט!" „דאָס זיינען אייגענע!" „אַרבעטער זיינען עס" „שטרייקערס" „מעטאַליסטן" דער עולם אויפן פלאַץ בלייבט שטיין, קוקט מיט חשד. שווערער שטילשווייגן.

פּיאָטר:

(צו די, וואָס שטייען נעענטער צו אים) וואָס איז דאָ ביי אייך, אַזוי ווי אויף אַ לוויה? וואָס האָט איר די נעזער אַראָפּגעלאָזט? מונטערער, מונטערער ברידער! וואָס איז? נישט איר — זיי האָבן דאָך געכאַפּט אַ בראָזג, נו, זיינען זיי זיך אויש פאַרגאַנגען. וואָס־זשע זייט איר טרויעריק?

פּוילישער אַרבעטער:

ווען איר זעט, וואָס ביי אונדז, ביי מעטאַל, טוט זיך. אונדזער עולם שטרייקערס לאָזט פון זיך הערן. מירן זיך נישט לאָזן. ווי העין?

קאַץ:

(ציט שמילן פאַרן אַרבל) עפּעס גרייט זיך דאָ. קומט, שמיל. אין אַזאַ צייט דאַרף מען זיין פאָרזיכטיק. ווער ווייס וואָס פאַר אַ פּראָ־

וואַקאַציע עס קאָן זיין (עס הערט זיך א ווייטער, אָבער הילכיקער פייף. קאַץ טרייסלט אויף) גלייכער דאָ נישט צו זיין. (שלעפט ענערגיש שמילן פארן ארבל. שמיל רירט זיך נישט).

פיאָטר:

(באמערקט זיי) וואָס איז? ווו איילט איר זיך? (קאַץ לאָזט אָפּ שמילס ארבל) נישט גוט, ברידער! אין אזא צייט ווילט איר איבערלאָזן כפתלין? מ׳דארף אים העלפן (צו אלעמען ארום) מ׳דארף אים העלפן! מיר העלפן דאָך שטענדיק איינער דעם אנדערן, ארבעטער זייענען מיר...

קאַץ:

(כיטרע) מיט וואָס מ׳שטייטס־געזאָגט קאָנען מיר אים שוין העלפן?! מ׳האָט פריער געדארפט טראכטן...

פיאָטר:

וואָס הייסט געדארפט? אוודאי האָט מען געטראכט. נאָך א מין געטראכט! (עקבערט דורך מיט די אויגן קאַצן, שמילן) איר זייט ארבעטער?

שמיל:

(ציט זיך צוריק א טריט. בייז) וואָס איז דאָס פאר אן אויספאָרשונג? ניין, א מיניסטער בין איך.

אוקראַאינישער אַרבעטער:

אן ארבעטער, ווי דען? זעסט דאָך, אן אונדזעריקער.

אומבאמערקט קומט אָן, עטקע. פון א צווייטער זייט — פעליע. מישן זיך אויס מיטן עולם.

פיאָטר:

כ׳מיין, אז איר — מיר אלע זייענען דאָך אזוי שטאָלץ. אָט דאָ, פון דאַנען, אָט פון אונדזערע פאַרחושכטע געסלעך איז ער געקומען, אַן אָרעם יידיש יינגל. און א הארץ — א?! א כוח! א גלויבן! כאַטש נעם און פארטייל עס צווישן טויזנטער, מיליאָנען. (פארטרוילעך) מ׳דארף עס טאָן, חברים! מ׳מוז עס נייטיק טאָן. עס זיינען דאָך פאראן אזוי פיל נישט גלויביקע, אזויפיל שוואכע... (קוקט אָן גוטמוטיק שמילן, וועלכער לאָזט אראָפּ די אויגן) דארף מען זיי העלפן. אזוי ווי באַטווינ האָט אונדז אלעמען געהאָלפן!

עטקע:

(שטופּט זיך דורך) אין תפיסה האָבן אפילו שוואכע, די שוואכסטע באקומען כוח. די תפיסה רייסט זיך צום קאַמף. לאָמיר זיי העלפן!

פוילישער אַרבעטער:

אָך, האָט עס געהאָלפן. פעפּעסאָוועצעס קומען צו אונדז, דריקן די האַנט. ווי דען? אן ארבעטער מוז דערשפירן ווו דער אמת איז. באַטווין האָט געהאָלפן.

קאַץ:

(איראָניש) שוין האָט ער געהאָלפן. ז י ך פארקירצן די יאָרן...

פיאָטר:

(פאלט אים אריין אין די רייד, מיט כעס) כדי אונדז אלעמען צו פארלענגערן...

צווישן עולם ווערט פלוצעם א באַוועגונג. מענטשן הויבן זיך אויף פון די בריקלעך, אלע קוקן אָנגעשטרענגט צו דער גאַס, רעכטס, דריקן זיך ענג צונויף, באלד צעטיילן זיי זיך אין צווייען, מאכן א דורכגאנג — סיקומט אָן ש ר ה, פירט ל א ה ן אונטער די הענט. סירייסן זיך ארויס צו זיי עטקע, פעליע.

פעליע:

מ א מ ע!

עטקע:

שרה, נו, ווי אזוי? שוין דער אורטייל?...

אָנגעשטרענגטע שטילקייט

לאה:

(קוקט אויף אלעמען מיט רויט־אָנגעשוואָלענע אויגן. מורמלט) ...צום טויט... מיין זון... מיין ליכטיקן זון... זיי האָבן געזאָגט — צום טויט...

פיאָטר:

(גייט נעענטער צו צו לאהן, רעדט מיט כוח, אנטשלאָסן) ניין! צום לעבן! איר הערט — צום לעבן, זאָג איך אייך!

אלע ווענדן זייערע בליקן צו פיאָטרן. דאָס גאנצע ליכט איז קאָנצענטרירט אויף דער ענג־צונויפגעדריקטער גרופּע. ארום איז שטאָק פינצטער.

לאה:

(קוקט פארשטארט אויף פיאָטרן) זיי האָבן אים אין קייטן גע־שמידט... זיי האָבן אים צוגענומען...

פעליע:

(מאכט אן אָנשטרענגונג זיך צו באהערשן. האלט לאהן ביי דער האנט) ער וועט לעבן! ער מוז דאָך לעבן...

לאה:

(קלאמערט זיך אין פעליען) זיי האָבן אים פארמשפּט... צום טויט האָבן זיי אים פארמשפּט.

פיאָטר:

נישט אים — זיך אליין האָבן זיי פארמשפּט. דיין זון, מאמע, האָט אין זיי געטראָפן, ווארפט עס זיי אַ קדחת. עס שלעפּט זיי צעב־נאָווסקי מיט זיך אין קבר אריין...

לאה:

טאָ ווי זשע וועט עס זיין? זאָגט, מענטשן טייערע, ווי וועט עס זיין? זיי וועלן דאָך אים דערהרגענען!

פיאָטר:

נפתלין דערהרגענען! סיידן זיי וועלן אונדז אַלעמען אויסמאָרדן. סיידן זיי וועלן אַלע מענטשן, אַזעלכע ווי נפתלי — טויזנטער, טויזנ־טער אויסשעכטן! נו, קאָנען זיי דען? נפתלין דערהרגענען! וואָס רעדט איר? זיי דאַרפן דאָך אַ וועלט פארטיליקן — אַ וועלט מיט מענטשן, וואָס ווילן לעבן ווי מענטשן, נישט קוילענען איינער דעם אנדערן, זיין צו זיך ווי ברידער, פריינד...

לאה:

(קוקט פארגאפט אויף פיאָטרן) זיינע ווערטער... נפתלים רייד...

שרה:

אזוי פונקט האָט ער זיי געזאָגט, אין געריכט. און זיי אַלע — די ריכטער, די פּאָליציאַנטן, אַלע האָבן זיי מיט די ציין געקריצט. ווי די שלאַנגען האָבן זיי געסיקעט און ער האָט גערעדט, ווי גוט עס וועט זיין אין דעם באפרייטן לאַנד...

פעליע:

ווי גוט וועט עס זיין! און ער וועט דערלעבן — מיט אונדז אַלע־מען! ער וויל דאָך אזוי שטארק דערלעבן!

אוקראַינישער אַרבעטער:

נישט אנדערש — אזוי מוז עס זיין!

לאה:

(מיט צעשטרייטע בליקן, צו אלעמען) זיינע רייד... קינדערלעך מיי־נע... וואָס־זשע וועט מיט אים זיין... וו וועט ער דעמלט זיין...

פיאָטר:

מיט אונדז! אין אונדז — אָט, אין אונדזערע הערצער!

פון דער ווייטנס הערט זיך דאָס געזאַנג פון דער „רויטער פאָן"

עטקע:

איר הערט! מ'גייט שוין! צו נפתלין גייט מען!

פיאָטר:

ס'וועלן נאָך מער גיין. איר וועט זען, גלויבט מיר, מענטשן, כ'בין אן אלטער זעלנער. טאָמער פאלגט איינער פון אונדז פאלן — פלעגן מיר זיך נאָך ענגער איינער צום אנדערן צודריקן. אזא כוח פלעגט אין אונדז אריין! טויזנטער מידע, שוואכערע פלעגן אונדז אָניאָגן... איר וועט זען — פון אומעטום וועלן זיך מענטשן אַ ציי טאָן, צו נפתלין, מיט אים...

עס הערט זיך בולטער דאָס געזאַנג פון דער „רויטער פאָן". אלע הערן זיך אָנגעשטרענגט צו. עטקע רייסט זיך ארויס, נאָך איר עטלעכע מענער, זינגען:

קרעוו נאשאַן דלוגאַ לעיאָן קאַטי,
וציאַנזש פּליכאָן ליודו גאַרזשקע לזי...

סידרייסט זיך דורך אַ שאַרפע פייפעריי. דער עולם אויפן פּלאַץ גיט זיך אַ וויג צוריק.

פיאָטר:

שטייט ברידער, רירט זיך נישט פון אָרט!

פּוילישער אַרבעטער:

(ענערגיש) האָט נישט קיין מורא! דאָס ווילן זיי זייער איי־גענע שרעק פארטרייבן!

פעליע:

לאָמיר גיין אנטקעגן — צו באַטוויינען! מיט נפתלין!

נעמט ענערגיש לאהן און שרהן אונטערן אָרעם. פּוילישער אַר־

בעטער נעמט עטקען אונטער איין האַנט, ברייטער — אונטער דער צווייטער. נאָך זיי הויבט אָן דער גאַנצער עולם זיך שטעלן אין רייען.

ברייטער:
לאָמיר גיין! אלע! צו נפתלין!

פוילישער אַרבעטער:
אונדזערער איז ער! מיט אונדז וועט ער זיין! באפרייען!

פיאָטר:
צו דער תפיסה! מיר וועלן אים באשיצן, אזוי ווי ער האָט מיט זיין לעבן אונדז באשיצט. צו באַטוויינען, חברים, אין די רייען פון אונדזער פּאַרטיי!

דער עולם גיט זיך א וויג פאָרויס. עס דערהערט זיך נעענטער דאָס געזאנג פון דער „רויטער פאָן".

אוקראַינישער אַרבעטער:
אונדזערע גייען! איר הערט כארא טראָט!

פּיאָטר:
מעטאל גייט! מיט אונדז! מיט אונדזער פּארטיי!

א סנאָפּ ליכט פאלט אויפן הינטערגרונט. פון דערווייטנס זעט זיך א סילועט פון א תפיסה־וואנט. דורך די קראטעס שטעקן ארויס הענט מיט רויטע טיכלעך.

עטקע:
האלט זיך, חברים, מיר וועלן אייך באפרייען!

דאָס געזאנג ווערט אלץ מעכטיקער. פון צייט צו צייט רייסן זיך דורך שאַרפע, אָפּגעריסענע פייפערייען. דער פוילישער אַרבעטער הויבט אויף איבער אַלעמענס קאָפּ אַ רויטע פאָן מיט דריי אותיות: ק. פּ. פּ.

פיאָטר:
פאָרויס, מיט נפתלי באַטווין!

פאָרהאַנג פאלט לאַנגזאַם

סוף

אויסגאַבן פון זעלבן אויטאָר:

1. „אינעם חודש יולי" —
שטרייק-רעפּאָרטאַזש, ווילנע, 1936 יאָר (דערשינען אומלעגאַל).

2. „מינסקער געטאָ" —
פאַרלאַג „עמעס" מאָסקווע 1946.

3. „נקמה־נעמער פון געטאָ" —
(אין דער רוסישער שפּראַך) פאַרלאַג „עמעס" מאָסקווע, 1947.

4. „יידן אָן געלע לאַטעס" —
סקיצן, פאַרלאַג „יידיש בוך", ערשטע אויפלאַגע 1948 יאָר, צווייטע פאַרבעסערטע און פאַרגרעסערטע אויפלאַגע 1952 יאָר.

Cena 8 zł.